№ 2 Należytość pocztowa opłacona ryczałtem. • פרייז 20 גראשען. • „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאכאווער צייטונג

Piątek d. 12 stycznia 1934 — 3-30 ליכט-צינדען — פרייטאג, פ׳ וארא כ״ה טבת תרצ״ד.

Bibljoteka Jagiellońska Kraków św. Anny 19

פוילישער יוד, ערפיל דיין חוב פאר דיינע אומגליקליכע ברידער פון דייטשלאנד!

נ״ע שפרה פון דער היים פערסטער עפשטיין

איז געשטארבען נאך לאנגע און שווערע ליידען אין עלטער פון 60 יאהר.

די לויה איז פארגעקומען מיטוואך, דעם 10 יאנואר 1934 י. (כ״ג טבת תרצ״ד).

גלייכצייטיג דאנקען מיר די אלע, וועלכע האבען אנטייל גענומען אין דער לויה און אבגעגעבען אונזער טייערן נפטר דעם לעצטען כבוד. ביי דער געלעגענהייט דריקען מיר אויס אונזער הארציגסטען דאנק די ה״ה דאקטוירים: ד. קאגאן, י. ליפינסקי, י. פרענקענבערג, ווי אויך די פעלדשערס הארטמאן און זינגער פאר זייער אונערמידליכער בעמיהונג בעת אונזער מוטער׳ס קראנקהייט, די אין טיפען טרויער פארבליבענע

מאן, טאכטער, זיהן, שניזען, אייניקלעך און פאמיליע.

Panu **Doktorowi Bernardowi Epsteinowi**
z powodu zgonu Matki Jego

b. p. Szyfry Epsteinowej

składamy wyrazy głębokiego współczucia.

Zarząd Szpitala Towarzystwa Dobroczynności dla Żydów
w Częstochowie

Koledze **D-rowi Bernardowi Epsteinowi**
z powodu zgonu Jego Matki

b. p. SZYFRY

wyrazy szczerego współczucia składają

LEKARZE
Szpitala Żydowskiego na Zawodziu.

Obywatelowi P. D-r BERNARDOWI EPSTEINOWI
Członkowi Sądu Koleżeńskiego,
z powodu zgonu Matki Jego

b. p. SZYFRY

składają wyrazy współczucia

Zarząd oraz członkowie Zw. Żydów Uczestników Wojny i Walk o Niepodległość Polski.

D-rowi Bernardowi Epsteinowi i Rodzinie

z powodu zgonu Ich Matki

b. p. SZYFRY

wyrazy szczerego współczucia składają

Maurycostwo Rosenzweig
Inż. Henrykostwo Fajner

Głęboko przejęci śmiercią

b. p. Szyfry Epsteinowej

wyrażają RODZINIE serdeczne współczucie

Rozencwajgowie i Bułkowie.

Czcigodnemu p. **D-rowi Bernardowi Epsteinowi**
z powodu zgonu Matki Jego

b. p. SZYFRY

wyrazy szczerego współczucia składają

Markusowie Gelber.

Z powodu zgonu naszej koleżanki

SALI

składają wyrazy szczerego współczucia
rodzinie Zomper

Ewa Lenczner, Hela Goldberg, Etka Krebsman i Dadek Ruziewicz

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דער

פאמיליע זאמפער

צום טויט פון זייער יונג-פערשטארבענע טאכטער

סאלע נ״ע

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

פאמיליע יוחנן לענטשנער.

בזה אנו משתתפים בצערו העמוק של חברנו **משה זמפך** במות עליו אחותו החביבה

נ״ע סאלא

בתוך שאר אבלי ציון ינוחם.

אברהם לנצ׳נר, עזריאל יקובוביץ, משה זלברשץ.

Rodzinie i Rodzeństwu Zemper
wyraża głębokie współczucie z powodu śmierci kochanej koleżanki naszej

b. p. SALI

Klasa V Gimnazjum D-ra Axera.

Najgłębsze współczucie wyrażamy
Rodzinie Epstein
z powodu śmierci Ich Żony i Matki

b. p. SZYFRY

I. Frajman

SZKOŁA TAŃCÓW

baletm. K. Kosteckiego

w lokalu własnym **Waszyngtona 6**, przyjmuje zapisy na kursy, lekcje oddzielne codziennie od 10 rano do 9 w. Opłata za lekcje przystępna

שבת 13 ד. ה 8 אוונט פראקטישע לעקציע פאר יודישע געזעלשאפט און אויך יעדען שבת 8 אוונד. לעצטע מוזיק - שלאגערס. ביליגע פרייזען.

רינג-קייט פאר ברקאיי.

אינזש. ארלינסקי ענטפערט מיט 10 זל. און רופט ארויס: מ. רוזשעוויטש, ש, ניעמיראווסקי, ה. שאיא, ד״ר ל. אש.

ש. דאנציגער ענטפערט מיט 5 זל. און רופט ארויס: ה. נארימבערסקי, מ. ליפסקי, ש. היימאן, י. זאמבעק.

ס. ווארשויערובנא ענטפערט מיט 3 זל. און רופט ארויס ח. זילבערשאץ, ט. שאיובנא, העלא סענדראוויטש וויעלון, געניא סענדראוויטש וויעלון, ש. לאסגאווסקי וויעלון.

ל. שלעזינגער ענטפערט מיט 2 זל. און רופט ארויס ל. שומאכער, י. פאנקאווסקא, ה. איצעק.

יאקובאוויטש ענטפערט מיט 1 זל און רופט ארויס ט. קליינובנא, ה, האכבערג, טש. שטענצעל, ה. לעווענהאף.

י. גאלדשטיין ענטפערט 5 זל.

שלמה פענטשאק — אסתר סיראטא

געהייראט

ברוקלין—ניו-יארק אין דעצעמבער 1933.

צו דער חתונה פון אונזער ליעבען זוהן **שלמה פענטשאק** מיט פרל. **אסתר סיראטא** וועלכע איז פארגעקומען אין ברוקלין—ניו-יארק, אונזערע הארציגע ברכות און אייביג גליק ווינשען

עלטערן. טשענסטאכאוו.

מזל-טוב און פיעל גליק ווינשען מיר אונזער ליעבען ברודער און שוואגער **שלמה פענטשאק** צו זיין חתונה מיט פרל. **אסתר סיראטא** וועלכע איז פארגעקומען אין ניו-יארק. זאל זייער לעבענס-וועג זיין בעציהרט מיט אייביג גליק.

סאלטשע און לייזער ווילמאן, פעלא און אברהם פייעם.

Z okazji zaślubin brata naszego SALOMONA z p. ESTERĄ SIROTĄ, życzymy, aby gwiazda szczęścia była nieodstępną towarzyszką Ich życia.

Bala i Sabina Penczak

צו דער פערלאבונג פון מיין ברודער **לייביש רייך** מיט פרל. **פעלא קורלאנד** (טשענסטאכאוו) ווינש איך די בעסטע פערספעקטיוועז

אהרן דוד רייך

צו דער פערלאבונג פון חבר **לייביל רייך** קרוזעפיץ מיט פרל. **פעלא קורלאנד** טשענסטאכאוו ווינשען מיר א גליקליכע צוקונפט

י. ל. פרץ ביבליאטעק אין קרוזעפיץ.

יובל-קאמיטעט פון די שלום-עליכם-פייערונגען אין טשענסטאכאוו.

מיטוואך, ד. 17 יאנואר האלב 9 אוועד קומט פאר אין קאמעראל-טעאטער

א פייערליכע אקאדעמיע

צום 50-יעהריגען יובל פון גרויסען הומאריסט שלום - עליכם.

פראגראם: 1) רעפעראט פון בעוואוסטען קריטיקער ה׳ לעא פינקעלשטיין פון ווארשא א. ד. ט.: „שלום עליכם׳ס הומאר און די היינטיגע יודישע ווירקליכקייט"; 2) איינאקטערס און מאנאלאגען פון שלום-עליכם, אויסגעפיהרט דורכ׳ן ארטיגען אמאטאר-קרייז אינטער דער רעזשי פון ה׳ ש. פראנק; 3) פאלקס-ליעדער, געזינגען דורכ׳ן כאר א נ. פון א. ב. בירנבוים אונטער דער לייטונג פון דיר. ראטצנבערג; 4) לעבעדיגע בילדער, אויסגעפיהרט דורכ׳ן קינסטלער פ״אפ. ווילענבערג.

בילעטען פון 49 גר. ביז 1.99 פריהער צו בעקומען אין דרוקעריי פון ה׳ באטשאן.

צעך פון יודישע בעקער און צוקערניקעס

אין טשענסטאכאוו און אומגעגנד.

זונטאג, ד. 21 יאנואר 3 נאכמ. אין ערשטען, 3.30 אין צווייטען טערמין קומט פאר אין אייגענעם לאקאל, אלעע 12

די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג

טאג-ארדנונג: 1) ערעפנונג, 2) וואהל פון א פארזיצער, 3) טעטיגקייטס-בעריכט, 4) קאסע-בעריכט, 5) בעשטעטיגען דעם בודזשעט אויף 1934, 6) וואהלען פון די 50 פראצ. אויסגעלאסענע פערוו.-מיטגלידער. 7) פרייע פארשלאגען.

אלע חברים דארפען קומען פונקטליך.

די פארבעריי און כעמישע וועשעריי „BENETA"

טשענסטאכאוו, בערקא יאסעלעוויטשא № 11

געגען איבער דעם געוועלב פון דער קאפעלושארניע

נעמט אן כעמיש צו וואשען און צו פארבען מענער, דאמען און קינדער - קליידונג

ווי אויך דיוואנעס, טישטיכער, גאבעלינען, מאקאטען, גארדינען, אבאזשורען, שפיצען, פוטערס א. ד. גל.

ספעציאליטעט:

1. **צו פארבען לויט מוסטערן.**
2. **רעטאשירען** (ארויסנעמען פלעקען אהן וואשען)
3. **אבטיילונג כעמיש צו רייניגען, פוצען און פרעסען קאפעלושען.**

דער אנשטאלט ווערט געפיהרט אונטער דער לייטונג פון אן אבסאלווענט פון דער כעמיש-אינדוסטריעלער שולע אין ווארשע מיט א לאנגיעריגער פראקטיק אין ווארשע און אין לאדז.

אכטונג!

פלעקען ווערען ארויסגענומען אין משך פון עטליכע מינוט באלד אויפ׳ן ארט.

דאס פארבען און רייניגען פון טרויער-קליידער ווערט אויסגעפיהרט אין משך פון 12 שעה.

אויף דער וואַך!

ס'פערשפּרייטען זיך קלאַנגען, אַז שוין אין די נאָהנסטע וואָכען וועלען פאָרקומען וואהלען צום היגען שטאָדט ראַט:

ווי ס'ווייזט אויס, זענען דאָס נישט בלויזע קלאַנגען, נאָר האָבען אַ פעסטען יסוד הינטער זיך — ס'הייסט אַלזאָ, אַז מיר שטעהען ערב וואהלען.

דערווייל איז נאָך אַלץ שטיל, מען רעדט נאר וועגען השערות, אָבער פאַקטיש איז, ווי מען שמועסט, שוין אַלץ צוגעגרייט, אַ ליאַדע טאָג וועט פּראָקלאָמירט ווערען דער טערמין און די גאנצע פּראָצעדור וועט פאָרקומען אין א שנעלען טעמפּאָ.

ווי מיר הערען, קומען שוין פאָר אויף דער פוילישער גאס הכנות צו די בעפאָרשטעהענדע וואהלען. מען האלט אָב בעראטונגען, מען קאמבינירט פעראייניגונגען, מיט איין וואָרט — מען גרייט זיך צו צו דער וואהל-קאמפּאניע.

שטיל איז נאר אויף דער יודישער גאס, נישט מען גרייט זיך און נישט מען טראכט עפּיס וועגען דעם.

לויט דער נייער וואהל-אָרדינאַציע צו די שטאָדט-ראַטען, וועלען יודען פערלירען די שאנסען אַדורכצופיהרען די צאָהל מאנדאטען, וואָס קומט זיי לויט זייער צאָהל, און נאָר ביי אַ פעראייניגטען פראָנט פון דער גאנצער יודישער בעפעלקערונג אין אונזער שטאדט, אָהן אונטערשיעד פון קלאס און ריכטונג, קאנען מיר האָבען די מעגליכקייט צו האָבען אַ געהעריגע רעפּרעזענטאַנץ אין דער קאָמונאַלער אינסטיטוציע.

עס איז אַפילו אַ געוואָגטע דרייסטקייט צו קומען איצט אין דער יודישער גאַס, וואו אַלץ איז צוריסען און צושפּליטערט, וואו אפילו מיטגלידער פון איין און דער זעלבער אידעע, זענען צווישען זיך צוריסען און זיי זאָגען: פעראייניגט אייך! עס איז אבער יעצט אַנ'אויסערגעוועהנליכע צייט, ווען עס דראָהט דאס יודישע טשענסטאָכאָוו צו פערבלייבען אינגאַנצען אָהן אַ פערטרעטערשאַפט, מוז זיעגען דער געזונדער חוש פון אחריות-געפיהל און שוין היינט דאַרף מען אָנהויבען צו פערבינדען די עקסטרעמע ריכטונגען און זיי צוגעוואוינען צום געדאַנק וועגען פעראייניגונג, וועגען אחדות.

דאס יודישע טשענסטאכאוו האט שוין ביי אַזעלכע מאָמענטען אַרויסגעוויזען זייער יודישע רייפקייט, זאָלען מיר אויך איצט דאס בעווייזען.

עס איז שוין די העכסטע צייט די דאָזיגע אַרבייט אָנצוהויבען.

ב—ן.

מאַגען-שמערצען, מאָגען-דרוק, פערשטאָפּונג, ביטערער מויל-געשמאַק, שלעכטע פערדייאונג, קאָפּ-וועהטאָג, בעלעגטע צונג, בלאַסער פנים-קאָליר ווערען בעזייטיגט דורכ'ן געברויך פאַר יעדען שלאָפען געהן אַ גלאָז נאַטירליך ביטערוואַסער Franciszka Józefa

דער סאָציאַלער איבערבוי פון די דייטשע יודען אין א"י.

פריהער פלעגט אין דייטשלאַנד אַרומגעהן פאָלגענדער אַנעקדאָט: ווי איז דער פאַרנאָמען פון יעדען יוד? און מען פלעגט ענטפערען: יעדען יוד'ס פאָרנאָמען איז — דאָקטאָר. די דייטשע יודען פלעגען דעם דאָזיגען וויץ דערצעהלען מיט אַ געוויסען שטאָלץ, ווייל ער האָט בעוויזען ווי הויך די מערהייט פון דייטשען יודענטום האָט אַרויפגעקלעטערט אויפ'ן סאָציאַלען לייטער. פאַר אַ פאַמיליע, וואָס האָט נאר געהאט וועלכע עס איז מיטלען — און ווען זי האָט אפילו געמוזט פאַר דעם שפּאָרען פון מויל — איז דאָס געווען אַ זעלבסטפערשטענדליכע זאַך — אַז די זיהן און אָפט אויך די טעכטער, האָבען געמוזט שטודירען. אַ יונגערמאַן וואָס האָט נישט געהאַט דעם טיטול דאָקטאָר האט אין די בעסערע קרייזען נישט געהאַט קיין גרויסע שאַנסען.

דער דאָזיגער איבערפלוס פון מענשען מיט אַקאַדעמישער בילדונג אין דייטשען יודענטום האט זיך איצט ביטער נוקם געווען, ווייל דוקא די פרייע פּראָפעסיעס זענען איצט אינגאַנצען פערשלאָסען געוואָרען פאַר די דייטשע יודען. זיי טאָרען מעהר זיך נישט בעשעפטיגען אַלס דאָקטוירים אָדער אַדוואָקאַטען. טאָרען נישט זיין קיין בעאַמטע אָדער רעדאַקטאָרען, פיעל טויזענדער האָט מען פשוט פון די דאָזיגע בערופען אַרויסגעוואָרפען און די שטודירענדע יודישע יוגענד האָט מעהר נישט קיין אויסזיכט צו האַלטען אין דייטשלאַנד אַנ'עקזאַמען און צו ערלערנען דעם בערוף, צו וועלכען זי האט אַ נייגונג. און דעריבער דאַרף מען זיך נישט וואונדערען, וואָס די דייטשע עמיגראַציע קיין ארץ-ישראל גיט אַזאַ הויכען פּראָצענט פון מענשען מיט פרייע פּראָפעסיעס, ווי דאָקטוירים, אַדוואָקאַטען, דאַצענטען, שריפטשטעלער, פאַר וועלכע די לעבענס-מעגליכקייט אין דייטשלאַנד איז אינגאַנצען אַבגעשניטען געוואָרען און אין ארץ-ישראל מוזען זיי אָנהויבען אויפסניי כדי אויפצובויען זיך אַ נייעם לעבען.

אָבער אַלס וואָס? דעם דאָזיגען שטראָם מענשען מיט פרייע פּראָפעסיעס קען דאָס יודישע ארץ-ישראל ווייט נישט אַריינעהמען. עס קענען נאָך געפונען אַ בעשיידענע פּראַקטיק עטליכע דאָקטוירים, וועלכע האָבען אַ זעלטענעם ספּעציאַליטעט אָדער ווען זיי זענען זעהר בעריהמט, און ווען די איינוואנדערונג וועט ווייטער געהן אין אַ גרויסער מאָס, קאָן דער אָדער דער צווייטער נאָך האָבען אַ געוויסע האָפנונג. אָבער ווען מיט אַ שיף, וואָס ברענגט גייע הונדערט איינוואנדערער קומען אין לאַנד נישט וועניגער ווי 20 דאָקטוירים, ווי זשע קענען זיי האָפען צו פערדינען אויף זייער ברויט מיט זייער ביז איצטיגער פּראָפעסיע?

און נאָך ערגער איז מיט די אַדוואָקאַטען. זיי מוזען דאָ האַלטען אַ זעהר שווערען עקזאַמען, איידער מען ערלויבט זיי צו פּראַקטיצירען אין אַ רעכט סיסטעם, וועלכע איז זיי פולשטענדיג פרעמד און דערצו דריי נייע שפּראַכען, וועלכע זענען זיי נישט וועניגער פרעמד. דער גרעסטער טייל פון זיי קען דאָס פשוט מאַטעריעל נישט אויסהאַלטען, שוין נישט רעדענדיג וועגען די שוועריגקייטען פון לערנען. די דאָזיגע פּראָבלעם שווימט אַרויף אויך ביי די פרויען. וואָס קאָן למשל אַ היסטאָריקערין פון קונסט אָנהויבען צו טהון אין ארץ-ישראל מיט אַלע איהרע וויסענשאַפטליכע ידיעות? אָדער אַ שטייגער יענע יונגע דאַמע, וואס איז געגאַנגען צו דער ארץ-ישראל רעגירונג און געבעטען מען זאָל זי בעשעפטיגען אין איהר ביז איצטיגען פאַך: אַלס אַ פערזאָרגערין אין געפענגעניש. ווי שטאַרק ערשטוינט איז זי געוואָרען, ווען זי האט זיך דערוואוסט, אַז אין לאַנד איז גאָר אַזאַ אינסטיטוציע בכלל נישטאָ.

דעריבער איז דער לאָזונג ביי כמעט 90 פּראָצענט פון די דייטשע יודען, וואָס קומען איצט קיין ארץ ישראל: א י ב ע ר ב ו י. אוועקגעוואָרפען די פריהערדיגע בערופען, וועלכע זענען דאָ אינגאַנצען נוצלאָז און איבערגעהן צו אַנדערע, וועלכע דאָס לאַנד פאָדערט. עס העלפט נישט: מען מוז דעם טיטול דאָקטאָר אַוועקשטעלען אין אַ זייט און אַנשטאָט איהם ווערען אַ „חבר" — אַ יודישער אַרבייטער. צוריק צום באָדען, צוריק צו דער מלאכה: דאס איז די איינציגע מעגליכקייט איינצואָרדנען דעם דייטשען יוד ביי דעם אויפבוי פון ארץ ישראל.

דער קרן-היסוד, דער ווירטשאַפטליכער צענטער פונ'ם דאָזיגען אויפבוי, ווידמעט דעם איבערבוי-פּראָבלעם — דער אומשיכטונג פון יודען אַ בעזונדערע אייפמערקזאמקייט, ווייל דאס איז נישט קיין לייכטע זאַך, נישט פון פּראַקטישען שטאַנדפּונקט, נישט פון פּסיכאָלאָגישען. פאַר די דייטשע יודען איז מיט דעם סאָציאַלען איבערבוי פאַרלויפיג נאָך פערבונדען דאָס געפיהל פון „פּראָלעטאַריזאַציע", אַ בעגריף, וואָס קען נישט עקזיסטירען אין אַזאַ לאַנד ווי ארץ-ישראל, וואו קיינער ווערט נישט אַזוי הויך געשעצט ווי דער מענש וואָס אַרבייט פּראָדוקטיוו. דאָס שיידען זיך פון דעם אַלטען בערוף איז פאַר דעם דייטשען אינטעלעקטועלען פיעל שווערער ווי פאַר דעם יודען פון מזרח-אייראָפּא, ווייל פון איין זייט האט מען ביי איהם אין דייטשלאַנד ענטוויקעלט דעם בעוואוסטזיין פון שטאַנד, פון דער צווייטער זייט אָבער, זעהט ער נישט מעהר זיין בערוף אַלס אַ מיטעל צו פערדינען זיין ברויט. צו דעם נאָך זענען די דאָזיגע אַקאַ־עמיקער מעהרסטענטייל נישט אין דעם עלטער פון ערשטער בליהענדער יוגענד. דער גרעסטער טייל פון זיי זענען מענשען אין די פערציגער יאָהרען, פאַר וועלכע פיזישע אַרבייט, וועניגסטענס אין דער ערשטער צייט, איז פערבונדען מיט געוויסע שוועריגקייטען.

נישט קוקענדיג אויף דעם אַלעם, געלונגט דער איבערבוי אויסערגעוועהנליך גוט ביי יענע, וועלכע איילען זיך צוצופּאסען אָהן איבריגע הכנות צו די נייע פערהעלטנישען. די נייע איינוואנדערונג האט געשאַפען אין ארץ-ישראל אַ הויכע קאָניונקטור אין דעם בוי-וועזען, וועלכע קומט צו הילף דעם סאַציאַלען איבערבוי, ווייל ווען עס איז א מאנגעל אין אַרבייטער, געפונען אויך אונערפאַהרענע שנעלער בעשעפטיגונג ביי שווארצער אַרבייט.

ענדליך לערענט אויך אַ געוועזענער אַדוואָקאַט זיך שנעל אויס ווי אָנצופילען זעק מיט צעמענט אָדער צונויפלעגען ציגעל אין רייהען. און אַ דאָקטאָר וואס האָט זעהר אָפּט פלינק געפיהרט מיט דעם אָפּעראַציאָנס-מעסער, לערנט זיך אויס ווי צו בענוצען זיך ריכטיג מיט אַ הובעל אָדער מיט אַ זעג. צווישען אָט די נייע קאַנדידאַטען ביי די בוי-פאַכען זענען, פערשטעהט זיך, אויך פערהאַן אַזעלכע, וואָס ביי זיי איז, אַזוי צו זאָגען, די גאַנצע אַרבייט אַרויסגעוואָרפען, אָבער געגענאיבער זיי שטעהט די גרויסע צאָהל פון יעניגע, וואָס איבערווינדען די ערשטע שוועריגקייטען אַ דאַנק זייער שטאַרקען ווילען און נאַטירליכער געשיקטליכקייט, און זיי אָרדנען זיך איין נאָך אַ געוויסער צייט אין דעם אויפבוי פון לאַנד, אַלס פולווערטיגע אַרבייטער.

די זעלבע ערפאָהרונג, וואס מען האט געמאַכט ביים בוי-פאַך האט זיך אויך אַרויסגעוויזען פאַר גוט ביים פלאַסטערען גאַסען. אין יעדער יודישער קאָלאָניע, ביי אַלע דאָרפס-גאַסען אין ארץ ישראל, זעהט מען שטאַרקע בוי-גרופּעס, צווישען וועלכע עס איז זעהר לייכט צו דערקענען די „גרינע" פון דייטשלאַנד, זיי לערנען זיך שנעל אויס די מעטאָדען, וועלכע מאַכען די אַרבייט לייכטער, זייער הויט ווערט אַזוי אָבגעבערענט פון די זון-שטראַלען, ווי ביי זייערע „איינגעבוירענע" חברים און גאָר גיך פערשטעהען זיי, אַז טעניס שיך און פלאַנעל-הויזען איז נישט די פּאַסענדע אַרבייטס-קליידונג. רעדט מען מיט זיי, אַזוי קומט אויס, נישט גאָר צו הערען פערשידענע דייטשע דיאַלעקטען, נאָר מען דערוויסט זיך אויך באַלד, אַז כמעט יעדער איינער פון די דאָזיגע פריש-געבאַקענע גאַסען-דורכלעגער איז פריהער געווען אַנ'אינטעלעקטועלער: אַ דאָקטאָר, אַנ'אַדוואָקאַט, אַ באַנק דירעקטאָר א.א.וו. אָבער די הויפּט-זאַך: זיי פיהלען זיך גוט אין זייער נייעם בערוף, וועלכער גיט זיי צום לעבען און איז אויך, ווי זיי פיהלען דאס, וויכטיג פאַר דעם אויפבוי פון לאַנד.

וואס עס קומט איצט פאָר אין א"י — דער סאָציאַלער איבערבוי פון אַ גאַנצער בעפעלקערונגס-שיכט, פון אינטעלעקטועלער אַרבייט צו פיזישער, האט אין דער וועלט נישט קיין ביישפּיעל. ווען דער דאָזיגער איבערבוי זאָל ווירקליך געלונגען אין גרויסען מאסשטאַב, וואָלט דאס געווען אַ נייער בעווייז פון דער לעבענס-עקשנות און לעבענס-מוט פון די יודען, וועלכע נעהמען נישט אויף פאַטאַליש קיין גרויסע אומגליקען, נאָר זיי ציהען פון זיי אַרויס די נויטיגע קאָנסעקווענצען און פאַסען זיך באַלד צו צו די נייע לעבענס-פאָרמען. און דאָך וואָלט דער דאָזיגער „שפּרונג צום לעבען" נישט געהאַט קיין שום ערפאָלג ווען נישט דער קרן-היסוד, דער יודישער אויפבוי-פאָנד, וואס האט געלעגט אין ארץ-ישראל דעם פונדאַמענט פאַר אַלץ, וואס ווערט דאָ איצט געשאַפען, ווייל סוף כל סוף באַזירט זיך אויך די פריוואַטע איניציאַטיוו אויף דער טעטיגקייט פון קרן היסוד. און הגם דער נייער איינוואנדערער מוז זעלבסט מיטברענגען מיט זיך דאס וויכטיגסטע פאַר דעם איבערבוי — די איבערצייגונג אויף וויפיעל אַזאַ איבערבוי איז נויטווענדיג און האָבען דעם מאָראַלישען מוט פאַר זיין דורכפיהרונג, האט מען דאס צו פערדאַנקען דעם קרן היסוד, וואס די איבערצייגונג ברענגט רעזולטאַטען און דער מוט בלייבט נישט צו שאַנד.

י. ק.

צו דער עפענטליכקייט.

אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן בעריהרטען ענין וועגען אַ רייהע צוקערניקעס וועלכער איז בעהאַנדעלט געוואָרען אין דער „טשענסטאָכאָווער צייטונג" איז די ספּעציעלע קאָמיסיע, וואָס איז בעשטימט געוואָרען דורך דער פערוואַלטונג פון האַנדווערקער-פערבאַנד, אויספאָרשענדיג אויף דער זיצונג דינסטאג, דעם 9-טען ד. ח. דעם גאַנצען ענין געקומען צום פאָלגענדען בעשלוס:

1) מען קאָן דער „טשענסטאכאָווער צייטונג" נישט מאַכען קיין פאָרוואורפען פאַר איהרע רעוועלאַציעס בנוגע די אונטאַקטישע האַנדלונג פון עטליכע צוקערניקעס.

2) דער בריעף אין רעדאַקציע, וואס איז געוואָרען פערעפענטליכט אין „אונזער וועג" פויריגע וואָך וועגען זעלבען ענין, שטימט נישט מיט דער ווירקליכקייט און איז געשריבען געוואָרען אין אַנ'אויפגערעגטען צושטאַנד מצד די פאָרשטעהער פון צוקערניקעס צעך; די לעצטע האָבען זיך פערפליכטעט צו געבען דערויף אַ געהעריגע ערקלערונג, כדי צו רעהאַביליטירען דעם מחבר פון די נאָטיצען וועגען דערמאַנטען ענין, וואס זענען געדריקט געוואָרען אין דער „טשענסטאכאווער צייטונג".

צענטראַלער יוד. האַנדוו. פערבאַנד, אָבט. אין טשענסטאָכאָוו.

(37

די לעצטע טעג פון יהודה

היסטאָרישער ראָמאַן פון ה. פ. שומאַכער.

(פאָרטזעצונג).

א שמייכעלע האט זיך בעוויזען אויף בירעניקה'ס ליפּען. זי האט זיך גענעהנט צו טיטוס'ן און געזאָגט:

— דאַנקען מיר דיר פאַר דיין טהאָט! דערנאָך האט זי זיך גענעהנט צו איהר ברודער: איצט זאָג מיר אויף וואָס האט זיך באַזירט אַספּאַסיינוס אין זיין משפט, ווען איך וויל קענען רעדען דורך פון די רוימישע משפטים

דער קעניג האט געשמייכעלט, טיטוס האט מיט כעס געביסען זיינע ליפּען אין דער צאָרן האט זיך אין איהם צופלאַקערט, אין אַ ווילע אַרום האט ער אָבער אויך זיך צולאַכט.

בירעניקה האט ווי פערוואונדערט געקוקט אויף ביידע מענער

— אָבער... איך פערשטעה נישט...

— עס איז דאָך אַ געלעכטער — האט אגריפּא געזאָגט — מיינע שונאים האָבען זיך געפּרובט איבערקויפען אַספּאַסיינוס'ן, נאָר זיי האָבען נישט פערשטאַנען ווי אַזוי זייער פאָרשטעהער האט ערקלערט אַספּאַסיינוס'ן, אַז די שטעדט וועלען זאַמלען זילבער און אויסגיסען דאס בילד פון דעם עהרליכסטען ריכטער, פון אַספּאַסיינוס, כדי מען זאָל אייביג געדענקען דעם עהרליכסטען שופט.

— און אַספּאַסיינוס?

— אַספּאַסיינוס האט בעמערקט, אַז עס וואָלט פיעל בעסער געווען, ווען מען וואָלט דאס זילבער איהם אַליין געגעבען.

בירעניקה האט זיך נישט צולאַכט.

— האָט, הייסט עס, די נאַרישקייט פון דיינע שונאים, דיך געראַטעוועט! — האט בירעניקה שפּאָטיש געזאָגט — מיר ווייסען דאָך, אַז אַספּאַסיינוס לאָזט זיך נישט איבערקויפען.

בירעניקה איז צוגעגאַנגען צום פענסטער, וואס איז אַרויסגעגאַנגען אויפ'ן הויף פון איהר פּאַלאַץ, דאָרט האט זי געזעהען ווי די שקלאַפען טראָגען שווערע זעק און לאָדען זיי אָן אויף אייזלען. איין זאַק איז אַראָבגעפאַלען אויפ'ן מאַרמאָר און צופּלאַצט געוואָרען.

— ווי אַ טייך אַזוי האָבען געפלאָסען גאָלדענע רענדלעך פון זאַק און זיך צושיט איבער'ן הויף.

— און דאס וואס איז, אגריפּא? — האט די קעניגין געפרעגט ביי איהר ברודער, וועלכער איז אויך צוגעגאַנגען מיט טיטוס'ן.

— דאס איז בלויז אַ מתנה פאַר אַספּאַסיינוס — האט אגריפּא מיט אַ שמייכעלע געענטפערט

אַ ווילע האָבען זיי געשוויגען, דערנאָך האָבען אַלע דריי זיך אָנגעקוקט און צולאַכט, טיטוס האט אויך געלאַכט.

— איך האָב געוואָלט בעווייזען — האט אגריפּא געזאָגט — אויף וויפיעל מיינע שונאים זענען אונגע־עלט ווייל ווען איך זאָל זיין אַ פיינד פון רוים, וואָלט איך זי דאָך נישט געשטיצט מיט מיין גאָלד

— יאָ, דאס איז אַזאַ פערטיידיגונג, וואס נאָר אַ קעניג קאָן עס זיך ערלויבען. דו ביזט געוויס זעהר רייך?

— איך בין רייך? — האט אגריפּא שפּאָטענד זיך אָנגערופען — איך שווער דיר, אַז איך פערמאָג גאָרנישט! דאס אַלץ געהער צו מיין שוועסטער, וועלכע האט מיך ליעב און שטיצט איהר ברודער. דו וואונדערסט זיך, זאָלסטו וויסען, אַז אַלע רייכטימער פון הורדוס'עס הויז געהערען צו בירעניקה און ווער עס וועט האָבען דאס גליק איהר שטיצע צו בעקומען דער וועט אַלץ דערגרייכען.

טיטוס האט פערוואונדערט געקוקט אויף אגריפּאַ.

— היט דיך אגריפּא! ווען נעראָן וועט געוואויר ווערען, וועט נישט געגינען דאס גאַנצע גאָלד פון הורדוס הויז, כדי דיך אויסצולייזען! ווייסטו דען נישט, אַז דיין פאָטער האט מען אויך דערין בעשולדיגט? ווייסטו דען נישט, פאַרוואָס מען האט דיך קינדווייז פערהאַלטען אין רוים?

אגריפּאַ האט כלומרשט זיך צולאַכט.

— איך ווייס, אַ איך בין נאָר אַ משכון געווען... פאַר מיר האט נעראָן נישט וואס מורא צו האָבען, איך וועל גאָרנישט טהון, רוים וועט פאַר רוים אונטערטעניג ווערען...

טיטוס האט זיך אָבגעקעהרט און שטיל געזאָגט:

— איך פערשטעה דיך גאָרנישט.

— מיך צו פערשטעהן איז גאָרנישט שווער! זענען דען נאָך נישט געווען אַזעלכע צייטען, ווען רוים האט געוואָלט רוים איינשלינגען? געדענקסטו די צייטען פון מאַרק אַנטאָניוס! ווען ער וואָלט דאס גאָלד פון קלעאָפּאַטראַ נישט אויסגעבראַכט אויף פערגעניגענס ווען ער וואָלט פאַר דעם געלד געבילדעט אַ מעכטיגע אַרמעע, וואָלט געווים מקוים געוואָרען דאס, וואס קלעאָפּאַטראַ האט געחלומ'ט, עס וואָלט ענטשטאַנען אַ נייע מלוכה, וועלכע האט שוין נישט עקזיסטירט זייט עס איז געשטאָרבען אַלעקסאַנדער פון מוקדון.

איך וועל נישט לייקענען, דער געדאַנק פון מיין פאָטער האט מאַנכמאָל מיך אויך בעהערשט, איך בין נאָך געווען אַ קינד און נישט פערשטאַנען אַ רוימישע מלוכה און איהר קראַפט! ביסלעכווייז האָב איך פערשטאַנען, אַז מיר אַזיאַטען זענען צו שוואַך דערצו, מיר זענען צו פיעל פערזונקען אין די פערגעניגענס און נישט מיר זענען אימשטאַנד די אייזערנע מויער צו גרינדען. די דאָזיגע אויפגאַבע קען נאָר אַ רוימער פערווירקליכען. בערעכען נאָר די יעצטיגע לאַגע אין רוים. דאס לאַנד איז איצט פערזונקען אין וואוילטאָג. דער סענאַט בעשטעהט פון שכורים, פון איבערגעקויפטע! דאס מיליטער איז פערשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, מען פיהרט קריעג מיט ווילדע פעלקער, וועלכע קאָנען מיט גאָרנישט נוצליך זיין, דעם קייזער קאָנסטו דאָך אויך, אפשר בעסער ווי איך!

(פאָרטז. קומט).

ד"ר מ. מארגאלין

די יודישע יוגנד לעבט!

עס האט נישט געהאלפען דאס שטיל-מאכען פון די אפיצ'עלע אינסטאנצען, עס האט נישט געהאלפען דער חינוך פון די פליסענדיגע פעדערס, וועלכע לערנען אונז טאג-איין, טאג אויס צו בויגען דעם קאפ, צו קושען די ריט, צו לאזען זיך טרעטען ווי ווערים. עס האבען נישט געהאלפען די הונדערטער טויזענטער שפעלך וואסער, וואס גע-צאהלטע בעאמטע האבען טאג-טעגליך געגאסען אויפ'ן התלהבות'דינען ציון-פייער פון פאלק. דאס פייער פון ליבע און פון איבערגעבענהייט צום היימ-לאנד און צום פאלק ברענט נאך אין די הערצער. דאס יודישע פאלק לעבט, די יודישע יוגענד לעבט!

מיר זענען נישט אימשטאנד צו גע-בען א פולע אבשאצונג פאר די געשע-העונישען פון 9 דעצעמבער אויף די גאסען פון תל-אביב, וואס וועט אריינ-געהן ווי א היסטארישע דאטע אין דער געשיכטע פון מלחמת-הציונית און מל-חמת-הכבוד פונ'ם פאלק לטובת זיין לאנד. מיר קענען אבער פערצייכנען דעם פאקט: דאס יודישע פאלק און דער ישוב זענען נישט צום צעטרעטען, מען קאן איהם נישט צעטרעטען, אזוי ווייט אזש ביז צו א יאגד אויף יודען אין היימלאנד, אז דער ציבור זאל נישט געבען דערויף זיין ענטפער.

אונזער נעגנערישע פרעסע גיט א בעצייכנונג פאר דער דעמאנסטראציע: „א רעוויזיאניסטישע דעמאנסטראציע". מיר זאגען זיך נישט אב פון אט דעם כבוד, אז דוקא פון אונזערע רייהען געהן ארויס די קאמפס-פיאנערען פאר'ן ציוניזם, פונקט ווי מיר ווילען זיך נישט אבזאגען פון דעם כבוד, וואס עס האט אונז מכבד געווען די א"י פאליציי, מעלדענדיג, אז די ווייס-בלויע פאהן, די פערהייליגטע נאציאנאלע פאהן, איז א „רעוויזיאניסטישע פאהן", אבער למען-האמת דארפען מיר פעסט-שטעלען: די דעמאנסטראציע אין תל-אביב איז געווען א פראנט פון צארן-אויסברוך פון גאנצען ציבור, (אויסער פון א הייפעל געצאהלטע בעאמטע) און פון דאנען נעהמען זיך טאקי די שוועריגקייטען פון דער פאליציי ביי איהר אונטערדריקונג און עדי ראיה גיבען איבער: אויך חלוצים פון הס-תדרות האבען נישט געפאלגט די תורה פון זייערע לעהרער און הערען, וועל-גע האבען זיי געלערנט צו שווייגען און זיי האבען אנטייל גענומען אין דעם צארן-אויסברוך פון דעם פאלק. זאל פערצייכענט ווערען צום לויב פון דעם חלוצים-ציבור: אז אויך ביי איהם זענען פערבליבען קרייזען, וואס די לעהרער פון טעמפקייט און פערשלא-פענקייט מצד זייער הנהגה האט נישט נעקאנט איינשטעלען זייער ציוניסטיש געוויסען.

עס זענען פריש די וואונדען פון די געשלאגענע יונגע ציוניסטען, וועל-כע'זענען ארויסגעטרעטען פערטיידיגען דעם יודישען כבוד; עס ווערען נאך געפייניגט אין די א"י תפיסות ציוניס-טישע יוננעלייט, וועלכע ווערען בע-שולדיגט אין דעם, וואס זיי האבען פערטיידיגט די פערהייליגטע ווייס-בלויע פאהן, אז זי זאל נישט ארייבפאלען אין נעפאנגענשאפט אין די הענד פון דער בריטישער פאליציי און וועלכע האבען אויפגעדריקט דעם פאלקס-צארן געגען פערפאלגונגען און גזירות — און שוין איז אויפגעשטאנען די געגנע-רישע פרעסע, וועלכע ווארפט שמוץ און בלאטע אויף די ריינע יונגעלייט, וואס קעמפען לטובת דעם פאלק און וועלכע האבען איינגעשטעלט פאר איהם זייער לעבען און פרייהייט. אבער מיר קענען „טרייסטען" אונזערע געג-נער, אז פונקט אזוי ווי עס איז זיי ביז איצט נישט געלונגען צו פערוואנ-דלען דעם יודישען א"י ציבור אין שקלאפען צום אדומישען פערפאלגער, פונקט אזוי וועט עס זיי אויך איצט נישט העלפען צו דערשטיקען דעם פאלקס-ענטוזיאזם און צוריק איינצובוי-גען זיין אויפגעהויבענעם קאפ.

די יודישע יוגענד לעבט, דאס יו-דישע פאלק לעבט און עס וועט זיך נישט לאזען טרעטען פון קיינעם, נישט געקוקט אויף די שונאים פון דרויסען און פון זייער בייהעלפער פון אינעווייניג, וועלכע קריצען מאכטלאז מיט די ציינער דערפאר, ווייל עס איז זיי נישט געלונגען צו דערשטיקען דעם פאלקס-צארן אין ציון.

משה אש

צום 100-יעהריגען יובל פונ'ם אלטען בית-המדרש.

(תקצ"ד — תרצ"ד).

היי - יאהר ווערט 100 יאהר, זייט עס האט זיך אנגעהויבען דער בנין פון קהל'ס בית-המדרש, וואס געפינט זיך אויף דער נאדרזשעטשנא גאס.

ואלה תולדות בית המדרש:

ווי עס איז שוין מעהרערע מאל געווען בעשריבען אין די היגע יו-דישע צייטונגען, האט אונזער קהלה ביז דעם יאהר תקנ"ה (1795) געהערט צו יאנוב, און מיט אלע רעליגיעזע הצטר-כות'ן האט מען זיך געמוזט דארט א-היין ווענדען. ערשט, צוליב א מחלוקה, וואס איז ענטשטאנען מוצאי יו"כ תקנ"ה האבען די טשענסטאכאווער יודען בע-שלאסען זיך אבצוטיילען פון יאנוב און צו גרינדען א בעזונדערע קהלה, בויען א שוהל, מאכען א בעזונדער בית-הקברות, מקוה, בית המדרש א.ז.וו.

עס זענען אבער ענטשטאנען גרויסע שוועריגקייטען ביים בעקומען אנ'ער-לויבעניש אויף דעם אלעם פון דער פרייסישער מאכט, צו וועלכער טשענ-סטאכאו האט דעמאלס געהערט. ערשט אין יאהר תקס"ה (1804) איז די גע-ווינשטע ערלויבעניש פון קעניג פריד-ריך ווילהעלם געקומען, און צוזאמען מיט דער שוהל זענען אויפגעבויט גע-ווארען צוויי צימערען: איינס האט גע-דיענט אלס קארידאר, דאס צווייטע — אלס בית-המדרש.

דער הויפט-ציעל פון בהמ"ד איז געווען, דאס די בעלי בתים זאלען האבען אין די ווינטער-טעג, בעת אין דער שוהל איז אונמעגליך צוליב דער קעלט צו דאווענען, אנ'ארט ווי אבצו-ריכטען זייערע תפלות. אויך איז אין דעם בהמ"ד יעדע נאכט געלערנט גע-ווארען מיט דעם עולם „עין יעקב" דורך איינעם פון די היגע מורי-הו-ראות. עס האט זיך אויך געשאפען א חברה „וותיקין", וועלכע האבען יעדען טאג געדאווענט בהשכמה, תהלים געזאגט און ווער עס האט געקענט, האט אויך געלערנט.

קיין פריווילעגירטע פלעצער זענען דארט ניט געווען; עס איז געשטא-נען א טיש מיט בענק — וכל הקודם זכה: ווער עס איז צוערשט געקומען, האט געקענט פערנעמען דעם בעסטען פלאץ, א שטייגער, ווי היינט אין א הסידים-שטיבעל אדער מניך.

במשך דער צייט איז דער אויסער-ליבער בנין פון דער שטאדט - שוהל פערענדיגט געווארען און די קהלה האט זיך גענומען אויך צו דערגענצען דעם אינערליכען מצב, דהיינו: צו פער-שאפען א שעהן ארון-קודש, בעלעמער, כלי-קודש פאר די ספרי-תורות א. א. וו.

דא אבער האבען זיי אנגעטראפען אויף גרויסע שוועריגקייטען, דען די קהלה-קאסע איז דורך דעם לאנג-יעה-ריגען בויען געווען אויסגעשעפט, קיין פרישע הכנסה, ווי אזוי דאס אלץ צו ערלעדיגען איז נישט געווען און די ראשי-הקהלה זענען געווען גע-צווינגען די ארבייט אבצושטעלען.

אין יאהר תקפ"א (1821) זענען גע-וועהלט געווארען נייע דאזארעס: לייב קאהן, יעקב סגל לאנגדא און יהודה רייכנער.

די נייע ראשי - הקהלה האבען זיך גלייך גענומען צו זוכען געלד, אום די שוהל אויסצופערטיגען און זי שטעלען אויף דער געהעריגער הויך, אזוי אז די זאל ווערט זיין אנגערופען צו ווע-רען: „מקדש מעט".

נאך מעהרערע אסיפות איז בעשלא-סען געווארען: דאס בית - המדרש צו פערגרעסערן; פון די צוויי שטובען זאל ווערען געמאכט איינס; אנשטאט דעם טיש זאלען זיין פלעצער, וועלכע זא-לען פערקויפט ווערען פריוואט-מענשען; די קהלה זאל צו דער ווירטשאפט פון ביהמ"ד קיין שום שייכות נישט הא-בען; די פלעצער זאלען זיין דאס איי-גענטום פון די, וועלכע וועלען זיי קויפען; די ביהמ"ד בעלי-בתים זאלען פון זיך אויסוועהלען פינף מענשען (חמשה אנשים), וועלכע זאלען פער-וואלטען מיט דעם בית-המדרש;

די געוועהלטע חמשה אנשים מוזען אויך האבען די הסכמה פון די ראשי-הקהלה;

דאס געלד, וואס וועט איינפליסען פאר די פלעצער זאל בעשטימט ווערען פאר'ן אויספערטיגען די שוהל.

דער פלאן איז געווארען פערוויר-קליכט; די פלעצער זענען שנעל פער-קויפט געווארען; אלס חמשה אנשים זענען געוועהלט געווארען: בעריל היי-מאן, נפתלי הערצל קאהן, יהודה פרענ-קעל, יהודה לייב ליקערניק און הערשל ראזענשטיין.

אזוי אבער, ווי עס איז געווען א מורא, אז דאס בהמ"ד זאל נישט פיה-רען א קאנקורענץ מיט דער שוהל, וואס עס קען גורם זיין א שאדען די שוהל-הכנסות, ווי אויך, אז די בית-המדרש-ווירטשאפט זאל נישט זיין גע-גען די אינטערעסען פון דער קהלה, איז בעשלאסען געווארען, אז די ראשי הקהלה צוזאמען מיט די חמשה אנשים זאלען אויסארבייטען תקנות, אונטער וועלכע בעדינגונגען די בהמ"ד ווירט-שאפט זאל געפיהרט ווערען און אז די תקנות זאלען קיינמאל נישט געענדערט ווערען.

ז' אדר דאסזעלבע יאהר (תקפ"א) זענען די ספרהאנדלונגען צווישען די צוויי צדדים: קהלה און בהמ"ד-פאר-שטעהער, פערענדיגט געווארען. עס זענען צוזאמענגערופען געווארען אלע איגע יודישע איינוואוינער, פאר וועל-כע עס זענען פארגעלייגט געווארען די תקנות, וואס זענען דורך די אויי-בענדערמאנטע אויסגעארבייט געווא-רען און וועלכע זענען פערפליכטענד פאר אלע היגע יודישע איינוואוינער.

די תקנות לויטען:

א) אזוי ווי די קהלה איז געצווינ-גען דעם בהמ"ד איבערצוגעבען אין פריוואטע הענד, ווייל זי נויטיגט זיך אין געלד, בכדי די שוהל אויסצופער-טיגען און היות ווי עס עקזיסטירט אין אונזער שטאדט א חברה „וותיקין", וועלכע דאווענען שוין יאהרען-לאנג אין בהמ"ד שבת, יו"ט און דער וואכען „השכמה" און זיי בעזיצען נישט קיין געקויפטע פלעצער אין בהמ"ד — זע-נען מחויב די בהמ"ד-בעלי-בתים זיי צו לאזען ווייטער דאווענען השכמה, ווי ביז איצט. וועלכע גבאים עס זא-לען נישט זיין, טארען זיי אין דעם נישט שטערען.

אויב ווער פון די בהמ"ד-אקציאנע-רען וועט וועלען דאווענען השכמה, מוז ער זיך איינשרייבען אין דער חברה און געבען איינקויף-געלד, נישט ווייניגער פון (18) ח"י פגים און נישט מעהר פון ח"י זהובים, לויט דער אב-שאצונג פון די גבאים.

ב) ערב יום-כפור צו מנהה, ווי אויך פורים צו דער מגילה, דארף נישט ווערען געדאווענט אדער מגלה-געליינט אין בהמ"ד, נאר אין דער שוהל, ווייל דאס קען גורם זיין צו א שאדען פון די שוהל-הכנסות, דאגעגען אין די וואכען-טעג אדער שבתים קענען אלע תפלות פארקומען אין בהמ"ד.

אויך אין די ימים נוראים איז גע-ווינשען, אז דאס בהמ"ד זאל זיין גע-

וואס געהערט, וואס געזעהן.

דער פערטיידיגער—בעשולדיגער.

די טעג האט ביי אונז געווילט דער פערטיידיגער פון סטאווסקי - פראצעס אדוו. באך פון ארץ-ישראל.

איהר פערשטעהט דאך, אז איך, א יוד אנ'אונפארטייאישער, וועלכער איז נישט פעראינטערעסירט, אז דוקא יו-דען זאלען האבען ערמארדעט דעם ד"ר ארלאזאראוו, בין געווען נייגעריג צו הערען, וואס זאגט ווענען דעם גאנ-צען ענין. דער פערטיידיגער פון די, וועלכע מען רופט „אסורי ציון".

אלץ, וואס איך האב געהערט פון דעם חשוב'ן גאסט, קאן איך נישט דערצעהלען, גאר פשוט—איך האב נישט אזוי פיעל פלאץ. איינס איז אבער קלאר, אז אדוואקאט באך איז הונדערט פראצענט איבערצייגט, אז ראזענבלאט און סטאווסקי זענען אונשולדיג און זענען נאר געפאלען א קרבן פון מיס-פערשטענדנישען און אז אין גיכען וועט לען זיי בעפרייט ווערען (הלוואי), דא-נעגען אבער האט דער אדוואקאט פערזיכערט, אז נאכדעם ווי עס וועלען בעפרייט ווערען די בעשולדיגטע, ווע-לען די פערטיידיגער אוועקזעצען אויף דער בעשולדיגונגס - באנק די יעניגע, וועלכע בעשולדיגען איצט סטאווסקי'ן און ראזענבלאט'ן און זיי, די יעצטיגע פערטיידיגער, וועלען דאן ווערען בע-שולדיגער.

לגדלו...

ביי יודען איז געווען די גרעסטע ברכה, אז מען זאל ערציהען די קינ-דער לתורה לחופה ולמעשים טובים.

וויפיעל האבען זיך יודישע עלטערן מקריב געווען, אז זיי זאלען קאנען צאהלען שכר-למוד פאר זייערע קינ-דער, ווער שמועסט, אז עס האט גע-האלטען ביים אויסגעבען א קינד, איז דאך געווען ספנות-נפשות, האט מען דאך מרעיש עולם נעווען.

פ'זענען יעצט אבער ענטשטאנען נייע לידער—נייע צייטען.

עלטערן ווילען קודם-כל, אז זייערע קינדער זאלען זיין גוטע ספארטלייט, ווייל ספארטלער זענען היינט דאס אויבערשטע פון שטייסעל, מיט וועמען מען איז זיך מייחס און דאס לערנען איז ערשט אויפ'ן צווייטען און אפשר גאר אויפ'ן לעצטען ארט.

כ'געדענק, ווען איך בין געווען א 6-יעהריג יונגעל און שוין געלערנט חומש און רש"י, האב איך זיך אמאל געוואלט גליטשען, האט דאס מיין פאטער ז"ל בעמערקט מיך שטארק אויסגעמוסר'ט, אז דאס איז מעשה גוי און אז א יונגעל, וואס לערנט שוין חומש און באלד וועט ער אנהויבען צו לערנען גמרא, טאר זיך נישט גליטשען אזוי ווי די הפקר-מענשען און וועלענ-דיג טאקי זיין א יוד, וואס איז בע-שאפען געווארען צו אנדערע, צו העכערע ענינים, האב איך זיך מעהר נישט געגליטשט.

היינט אבער, אז איהר וועט געהן אין גאס, וועט איהר זעהן, אז נישט בלויז 6-יעהריגע, גאר אפילו 8 און 12 און נאך עלטער-יעהריגע קינדער, איז נישט בלויז וואס זיי גליטשען זיך, נאר מען מאכט זיי ספעציעלע גליטש-קאסטיומען. די עלטערן אליין פיהרען זייערע קינדער צו דער גליטש און זענען מקבל נחת, ווען זייערע קינדער-לעך גליטשען זיך און קאנען די מלאכה און ווען עלטערן קומען זיך צוזאמען, בעריהמט מען זיך, אנשטאט וואס אמאל האט מען דערצעהלט, אז מיין יונגעל לערנט שוין גמרא און ער האט תכלית, זאגט מען היינט: מיין סטעפעק אדער יוזעק איז א גלענצענ-דער גליטשער, ער בעווייזט ממש וואונדער און ער וועט אויסוואקסען א תנא ברא אויף דעם געביעט און די וועלט וועט נאך מיט איהם קלינגען. דערביי וואקסט די מאמעס הארץ פאר נחת און גליק.

אויב אזוי, האלט איך, אז מען דארף אויך ענדערען דעם בעגריף פון דער ברכה, וואס איז אנגענומען ביי יודען פון צייטען און דורות, און אנ-שטאט, ווי עס איז געווען אנגענומען ביי יודען צו ווינשען לגדלו לתורה לחופה ומעשים טובים, זאל מען פון היינט אן זיך ווינשען לגדלו לעגליטש, לענארטעס אי לעטאנצען טובים אמן...

ווער קאן נאך האבען פרנסה?...

אמת, אלע צווייגען פון פרנסה הא-בען זיך אין יעצטיגען קריזיס כמעט ווי אויסגעלאזט און הונדערטער און אפשר טויזענדער קוקען מאין יבא עזרי, צי וואס פאר א בעשעפטיגונג נעמט מען זיך, אז מען זאל קאנען האבען א שטיקעל היונה.

פונדעסטוועגען גיט מען מיר איבער איז נאך נישט אזוי שלעכט. אט איז נאך פערהאן איין צווייג, וואס אויב מען טויג זיך, קאן מען האבען פרנסה מיט'ן פולען מויל.

נעמט, למשל, די הויז-אדמיניסטרא-טאר-בראנזשע. נו זאג איך אייך, אז דאס איז נישט קיין שלעכט געשעפט. אוודאי פערלאנגט דאס, אז די בע-טרעפענדע פערזאן זאל זיין פעהיג צו די אויפגאבען, אנדערש וועט ער קיין איין קווארטעל נישט אויסהאלטען, אבער ווען עס טרעפט זיך שוין יא אזא איי-נער, וועלכער איז מסוגל דערצו וועט איהם שוין קיין ברויט מיט פוטער נישט פעהלען.

ווי איהר ווייסט איז היינטיגע צייטען מיט דעם דירה געלד זעהר נישט היימליך, די פערדינסטען זענען געפאל-לען אויף א מינימום. אויך אנדערע פראדוקטען און אינדוסטריע - צווייגען זענען בזול-הזול, וואס דארפט איהר מעהר—אפילו די באהנען זענען ביליי-נער געווארען מיט 25 פראצענט. דאס איינציגע נאר, וואס ווייל זיך נישט ריהרען פון ארט, איז דאס דירה-געלד.

אז מען האט אבער פארט נישט צו צאהלען און ס'זענען פערהאן בעלי-בתים, וואס כאטש זיי זענען בעשטראפט מיט הייזער, האבען זיי אבער נישט דעם טאלאנט ארויסצוקוועטשען ביים לאקאטאר די נשמה און ארויסצוקריגען דאס, וואס ער פערמאגט נישט — איז דערויף פערהאן אנ'עצה... אדמיניס-טראטארען, אבער אויך ביי זיי טרע-פען זיך שלימזל'ען, האבען אזעלכע טאקי נישט קיין ערפאלג און עס ווע-רען דעריבער געזוכט נאר אזעלכע זשאנדערס, וואס קאנען די „מלאכה".

איך האב א גאנצע רייהע נעמען פון הויז-אדמיניסטראטארען, וואס זענען בעריהמט אין זייער פאך און ווען מען וואלט געטיילט פריזען פאר זייער העל-דישקייט, וואלטען זיי עס זיך כשר פערדינט. פערהאן צווישען די דאזיגע חברה-לייט אזעלכע, וואס זענען אמאל געווען זאגאר סאציאליסטען, פראלעטא-רישע פארשטעהער און וועלט-בעגליקער און יעצט, זייענדיג אין דער ראל פון אנ'אדמיניסטראטאר קוועטשט אזאלכער ארויס ביי די פערשאלטענע בורזשו-אזע לאקאטארען זייער לעצט ביסעל בעבעכעס און וויל אזוי ארום פערוויר-קליכען דעם סאציאליזם, אז די גאנצע וועלט זאל זיין איין קבצן..:

דערפאר אבער האט אזא אדמיניס-טראטאר ערפאלג און מען טרויט איהם אן וואס אמאל אלץ מעהר הייזער און מען גיט איבער אין זיינע הענד אריין די רעוואלטירענדע לאקאטארען, מיט וועלכע ער לערנט בלק.

אלזא יודען, ווי איהר זעהט איז די וועלט נאך נישט געשטארבען. מ'דארף נאר האבען פעהיגקייטען און טאלאנט און דער עיקר—זיין געהארטעוועט אויף מענשליכע ליידען (קיין הארץ דארף מען דערצו נישט האבען...) קאן מען אויך אין דער יעצטיגער שווערער בי-טערער צייט האבען פרנסה.

חי גילעבט...

דאס מענשליכע לעבען איז קורץ און נישטיג, איבערהויפט געהט די יוגענד שנעל אוועק, טא פארוואס נישט ארייכנאפען וויפיעל מען קאן און נישט ווארטען אויף עולם הבא?!

געניסען טאקי אונזערע יונגעלייט פון זייער עולם הזה מיט'ן פולען מויל. זייט זיי נישט מקנא. אויך דאס בי-סעל עולם הזה איז בעגרעניצט און בעגניגענט זיך מיט בלאטשינסקי'ן און עוונטועל „סאוואי".

נאכט ביי נאכט קומען זיך צונויף אונזערע יונגעלייט פון ביידע מינים צו בלאטשינסקי'ן אין צוקערניע און מען הייסט דערלאנגען א „פול טשאר-נע" אדער א גלעזיל וואסער. ס'ווענ-דעט זיך אויף וויפיעל די פערשאלטע-נע קליינגעלד פראגע ערלויבט עס און ביי די קלאנגען פון דער מוזיק כאפט מען א טענציל. דארט קאן מען אבער

שלאָסען און עס זאל ווערען געדאַוונט נאר אין דער שוהל, בכדי די תפלות זאלען פארקומען ברוב עם. אַ חוץ אין אויסנאַהמס - פאַלען, ווען די שוהל וועט זיין בעזעצט מיט מתפללים, דאמאלס איז ערלויבט די בהמ"ד מיטגלידער צו דאַווענען אין בהמ"ד.

אויב עס וועט וועגען דעם ענין פאָרקומען א סכסוך צווישען די קהלה און בהמ"ד-מתפללים, מוזען זיי זיך פערלאָזען אויף דעם פסק פון היגען ב"ד.

דאָס דאַווענען מוז פאָרקומען אין נוסח אשכנז, אַזוי ווי דער רמ"א זצ"ל האָט אונז געלערנט און אַזוי ווי עס ווערט געדאַווענט פון אלטע צייטען, עס זאָל זיך, חלילה, קיינער נישט ערלויבען צו דאַווענען אין בהמ"ד נוסח ספרד אָדער אַנדערע נוסחאות.

ג) עס איז פערבאָטען אין די זומער-טעג מל צו זיין אַ בן-זכר אָדער אַ נאָמען צו געבען אַ מיידעל אין בית-המדרש, אזאלכעס מוז פאָרקומען נאָר אין דער שוהל. אויך טאָר אין בהמ"ד נישט געגעבען ווערען אַ בחנמ'דיגע עליה אַ חתן פאַר אָדער נאָך דער חתונה; איינעם, וואס זיין פרוי איז אַ יולדת אָדער אַ בעל-יאָהרצייט. ווען די אויבענדערמאנטע ווילען האבען עליות, מוזען זיי דאס קויפען פאַר געלד, אַזוי גוט ווי אַלע אַנדערע בעלי-בתים.

ד) אַלע מצוות און עליות אין בהמ"ד מוזען פערקויפט ווערען. די איינקונפטען ווערען צוטיילט: העלפט פאַר דער שוהל און העלפט לצרכי בהמ"ד.

די עליות, וועלכע ווערען פערטיילט ביי דעם „השכמה"-דאַווענען בעקומען די מיטגלידער בחנם, עס מוז אָבער געהן נאָך דער רייהע. צו דעם צוועק מוז ווערען געמאַכט אַ פנקס פאַר די „וותיקין"-מיטגלידער, וואס מוז זיך געפונען אין דער האַנד פון גבאי, בכדי ער זאָל וויסען, ווי אַזוי צו פערטיילען די עליות לויט סדר.

יעדען מאנטאג און דאָנערשטאג זאלען ווערען אויסגעשטעלט צוויי קערות, וואו די מתפללים זאלען אריינוואַרפען זייערע נדבות. זומער זאל איין קערה געהן פאַר דער שוהל, די צווייטע — פאַר'ן בהמ"ד, דאַגעגען ווינטער, ווען דער רוב מתפללים קומען אין בהמ"ד דאַווענען, ווייל אין דער שוהל איז קאַלט, זאָל איין קערה געהערען דער שוהל, די צווייטע זאָל פערטיילט ווערען צווישען ביהמ"ד און חברה-קדישא. מעהר ווי צוויי קערות דאַרפען נישט ווערען אויפגעשטעלט.

אויב עס וועט ערלויבט ווערען די ימים-נוראים צו דאַווענען אין בהמ"ד, מוז די גאַנצע איינקונפט געהערען צו דער שוהל.

(פאָרזעצונג קומט).

פ. בלומענקראַנץ.

די מארק=שטעהערין.

(פון דער סעריע: אָרימקייט).

(פאָרזעצונג)

אָבער ווען זי האט געזעהן, אַז זי וועט ווייטער נישט קענען פערטראָגען די זלזולים און גרימאַסען פון איהרע „ברויט-געבעריגס", האט זי בעשלאָסען אַנצוהויבען האַנדלען אין מאַרק.

דער בעשלוס איז איהר זעהר שווער אָנגעקומען: יצחק ליכטענשטיין'ס טאָכטער וועט ווערען אַ מאַרק-שטעהערין! זי האָט ביינאַכט די קישענס מיט טרערען בענעצט און אויסגעטענה'ט זיך מיט'ן אויבערשטען:

— רבונו של עולם—פלעגט זי שעפטשען—דו ביזט דאָך אַ דין אלמנות, פאַרוואס לאָזטו מיך אַזוי פאַלען? איך וועל דאָך נישט קענען מיט קיין קינד אַ שידוך טהון און מיינע אויגען פאַר מענשען אויפהויבען.

אָבער זי האט סוף כל-סוף שלום געמאַכט מיט דעם געדאַנק. די קינדער פלעגט זי דערנאָך דערצעהלען פאַרוואָס זי האט זיך דעצידירט. בעזונדערס דבורה'לען, דעם אַמעיינסטען געקריוודעטען קינד האט זי די מעשה איבערגעחזר'ט ביי יעדער געלעגענהייט.

— ליג איך אַזוי — פלעגט זי דעם קינד ווי איינשעפטשען — ביינאַכט, מיעד און צובראָכען אויפ'ן געלעגער. די אויגען קלעבען זיך מיר פון מיעדקייט, זעה איך ווי דיין טאַטע, ער זאָל קומען גוטע בשורות זאָגען, קומט אריין אין שטוב. כ'האָב געוואוסט, אַז ער איז טויט, געוואָלט אויסגיסען פאַר איהם מיין ביטער הארץ, דערצעהלען איהם וועגען מיין שלענדקייט, אָבער כ'האָב נישט געקענט: די ווערטער זענען מיר געבליבען אין האלז שטעקען.

זי פלעגט דאמאלט דעם קינד'ס קעפיל צודריקען צו זיך מיט אַ בעזונדערער ליעבע און די מעשה דערצעהלען מיט דעם זעלבען אינטערעס און שרעק ווי צום ערשטען מאָל:

— דער טאַטע דייגער איז געווען זעהר טרויעריג, געקוקט אויף מיר ווי מיט בעדויער. כ'האָב זיך געטראַכט: מסתמא ווייסט ער פון מיין ביטערען גורל. אינדעם—דו שלאָפסט דבורה'לע? —איז ער צוגעגאַנגען צום בעט, וואו דו ביזט געלעגען צוזאַמענס און דיך געוואָלט נעמען. כ'האָב אָנגעהויבען יאָמערליך צו שרייען, רייסען איהם ביי די תכריכים: לאָז אָב דאס קינד, צעבראָך נישט ווידער מיין הארץ. ער האט זיך דאמאלס אויסגעדרעהט צו מיר און כ'האָב געזעהן ווי זיינע אויגען זענען נאָס געווען און ער האט צו מיר געזאָגט, כ'געדענק ווי עס וואָלט יעצט געווען:

— צרות האָבען נישט קיין גבול. מ'מוז דאַנקען דעם אויבערשטען פאַר דעם, וואס מען האט. פרנסה איז נישט אַלץ...

— כ'האָב איינדערפריה אויסגעשפיגען דריי מאָל פאַר אַ גויאיש פענסטער און נישט געוואָלט מעהר מהרהר זיין. מסתמא איז דאָך מיין מזל אַזאלכער, האב איך זיך געטראַכט. דער טאַטע, ער זאָל זיין אָבגעשיידט, פלעגט דערצעהלען, אַז אַ תנא האט געמוזט צעלאָזען, „קאַלעדיגע" פרויען שיך צומעסטען, און אַ צווייטער תנא האט געהאַט אַ בשותפות'דיג מלבוש מיט'ן ווייב. זעהט זיך אויס, אַז מיין גורל איז אַ פינסטערער, ווען נישט, וואָלט דאָך דיין טאַטע אַזוי יונג פון דער וועלט נישט אוועקגעגאַנגען—מילא איז פערפאַלען.

* * *

שטעהט אַזוי ביילע, אַרומגעפאַקט מיט פערשידענע פערלאַטעטע „אונטערגעפיטערטע" בגדים און לייזט נישט. די שכנ'טע איהרע, אַ יודענע אַ געלע, מיט אַ זומער - געשפרענקעלט פנים—יענטע הייסט זי—מאַכט יעלות און זינגט מיט אַ הייזעריגער שטימע:

קילאָ יאַבלעק 50 גראָשי,
קילאָ יאַבלעק 50 גראָשי.

זי זינגט אויס דעם דאָזיגען „פסוק" פון פריה ביז פאַרנאַכט, דרעהט איהם ווי אַ פזר, בעת מ'זעהט נישט קיין קונים און שלינגט שנאָל אַראָב ווי הייסע קנייזלעך, ווען אַרום איז אַ „רוך". זי ציהט טאָקי צו ס'גאַנצע „גייעס", בעת ביילע שטעהט אָפט אַנ'איינגעקורטשעטע און אַ פערפרוירענע אָהן פדיון.

טרעפט זיך, אַז אַ יודיש ווייבעל האט אויף איהר אַנ„אוואַזשעניע" און וויל איהר געבען צו לייזען, כעס'ט זיך די געלע שכנ'טע און רייסט ביי די פאַלעס.

— ניעך פאַני פאָזוואַלי! זאָגען זי נור, קומען זי דאָ אַהער. רענעטען אַמעריקאַנער, ווי די פאָמעראַנצען — געהט זי איבער אויף יודיש—קומען זי נור, מאַדאַמעשי.

— קיין גראָשען האָב איך נאָך נישט געלייזט—רופט זיך אָן ביילע און קוקט מיט תחנונים'דיגע אויגען אויף דער בעל-הבית טע—אַלע קונים רייסט זי מ'יר אַוועק, זי זעהן וואס איך „שטעה אויס".

— פאַנישי, ערלויבען זי, זייען זי אַזוי גוט, דאָ האבען זי סחורה ווי גאָלד, כ'זאָל מיר שוין אַזאַ מזל האָבען—וויל אַלץ די געלע יענטע נישט אָבטרעטען.

די צוויי יודענעס שטעהען און קוקען זיך אָן ווי די העהנער. יענטע קען זיך נישט איינהאַלטען און „שיסט" אויס:

— זעהטס נור די רביצ'ין, די בוימעל-פ. גראַצמעס גאָלד האט זי לינען, און די אויגען קריכען איהר ארויס, אַז זי זעהט ווי כ'לייז אַ גראָשען.

— זאָלען מיינע שונאים דאס האבען אויף לובינג, זאָלען זיי מעהר נישט פערמאָגען, גרויסער גאָט אין הימעל—ווערט ביילע אין כעס—וואס איך האב אין מיין מאַיאָנטעק.

— אָבען זי נישט, לאָזען מיינע שונאים נישט האבען. און דער, וואס וויל מיר שלעכטס טהון זאָל קומען אויף מיין שטופע!

בעת די צוויי ווייבער איבערוואָרטלען זיך, קומט צו שפרייזען יונה דער געלער, יענטע'ס מאַן, אַ יונג מיט לאַנגע באַקען-בערד, שיקלדיגע אויגען און הויכע שטיוועלעס, האַלטענדיג זיינע מגושם'דיגע, צושעקעדיגע הענד אין די גלייכע הויזען - טאַשען. דערשנאַפענדיג, וואס דו קומט פאַר, פעררוקט ער זיך דאס היטעל אין אַ זייט און „פּראָסטאָ ז'מאָסטו" צו ביילע'ן:

— זאָגען זי נור, צעקראָכענע סוחר'טע, אַז זי וועלען נישט האַלטען איהנס צונג צווישען די ציינער, וועל איך איהן ווייזען, וואס יונה קאָן.

יענטעל, בעקומענדיג קוראַזש פון מאַנ'ס האַלטונג, ווערט זי האָפערדיג און „שפרינגט" ארויס אויף איהם:

— אַ שעהנער האַרץ-געשפאַן ביזטו, איך רייס מיר אויס די קעהל און די צדקת נעמט מיר אַוועק אַלע קונים, אַוועקגענומען זאָלען ווערען איהרע יאָהרען. יונה ווערט נאָך מעהר אין כעס. אַביסעל אָהרט איהם, וואס דאס ווייב איז ארויפגעקראָכען אויף איהם. ער שטעלט אַרויס דעם רעכטען שטיוועל, דרעהט מיט'ן אָבצאַס און „וואַשט" זיך נאָכאַמאָל צו דער דערשראָקענער ביילע:

— זאָגען זי נור רבי'צי'ן, אויב זי וועלען נאָך מאַכען אַזוינע גנבה'שע קונץ-שטיק וועלען זי פערשפאַרען ביי דער שטעל צו שטעהן, אַלץ די טאַרטאַקעס, אַ רוח אין זייער טאַטען אריין.

ער גיט זיך שנעל אַ דרעה אויס, ווי אויף אַ קאָמענדע, שענקענדיג אַ בימול'דיגען קוק זיין ווייב און געהט אַוועק. ער פיהלט אַ בייגעשמאַק פון דער גאַנצער דרשה זיינער: „אַ געשעפט פאַר איהם, אויסצוטענה'ן זיך מיט ווייבער". ער דערמאַנט זיך, אַז ער האָט זיך אָנגעשמועסט אין פייוועל ביק'ס קנייפע אויף אַ גלעזיל משקה און איילט זיך צו. „נישטקשה, ער קאָן זיך אויף זיין ארורה פערלאָזען, זי וועט זיך נישט לאָזען אין דער קאַשע אריין בלאָזען"—טראַכט ער מיט גאוה.

די בעל-בית'טע, וואס איז געקומען קויפען, אַנ'איידעל מענש, אַ דעליקאַטע, אַ פאָהרערין פון קאַרלסבאַד, זעהענדיג דעם רעש, וואס זי האט אַנגעאַרבייט, האט געגעבען אַ ווינק צו איהר דיענסט און אַוועק צו אַנ'אַנדער שטעל.

יענטע, דערזעהענדיג, אַז די קונה'טע איז אַוועקגעגאַנגען, הויבט זי אָן אויפסניי:

— זי וועלען מיר מיין שטיקעל ברויט נישט אַוועקנעמען, נישט דערלעבען וועלען זי דאס, רבי'צין מיינע, איך האב שוין ערגערע איבערגעלעבט.

שטעהט אַזוי ביילע אַ שווייגענדע, אַ פערכמורעטע מיט די פערפרוירענע הענט איבער'ן קויהלען-טאָפּ, אריינכאַפענדיג אַלע קללות פון דער תוכחה און קוקט מיט שרעק, ווי דאס ביסעל אויבס ווערט איהר קאַליע. זי לייזט נישט און עסען דאַרף מען, דירה- געלד דאַרף מען און זי קען עס פאַרט נישט „בעהויפטען". אַלץ אויף איהרע שוואַכע פלייצעס, אָהן אַנהאַלט, אָהן שטיצע, ווי ז'וואָלט פון אַ שטיין געבוירען געוואָרען.

(סוף קומט).

POLSKIE OSRAMÓWKI
produkowane w Pabjanicach.
DZIĘKI STOSOWANIU
NAJLEPSZYCH SUROWCÓW i
NAJNOWSZYCH METOD FABRYKACJI
gwarantują
NIEPRZEŚCIGNIONY GATUNEK

נאָר טאַנצען ביז אַ פאַר מינוט נאָך צלף. וואס טהוט מען אבער, אַז ס'טענצעלט ווייטער, הויבט מען אָן קלאַטשען מיט די הענד און שרייען: מאַלאָ, מאַלאָ, און היות ווי דאס אוידיטאָריום בעשטעהט פון בלויז יודען, ווערט אַ כאַאָס און אַ שטיקעל באַלאַגאַן פאָ זשידאָווסקי...

באַלד כאַפט זיך איינער פון די געסט צו צו דער פאַרטעפיאַן און שפיעלט אויס אַ טאַנגאָ און דער עולם כאַפט נאָך אַ שטיקעל טענציל און בעפרידיגט זיין שטאַרקען בעגעהר, מען מוז דאָך אָבער פאָליצייאיש פערמאַכען די צוקערניע בלייבט מען טאָקי שטעהן נישט אינגאַנצען אויסגעטענצעלט.

איז אבער פערהאַן אַנ'עצה. פונקט אַקעגענאיבער בלאַשטשינסקי'ס צוקערניע געפונט זיך דער רעסטאָראַן „סאַוואָי", וואס איז אָפען ביז אין דער טיעפער נאַכט, וואַנדערט מען אריבער אין „סאַוואָי" אַריין, וואו ס'שפילט אויך אַ מוזיק און מ'כאַפט אויך אַ טענציל.

איין צרה איז נאָר, וואס אין „סאַוואָי" מוז מען נאָך 12 אַ זייגער בעצאָהלען אַ שטייער - אָבצאָהל, אבער דער כח פון טאַנצען איז אַזוי גרויס, אַז אפילו דער שטייער קאָן נישט זיין קיין מניעה—צאָהלט מען און מ'טאַנצט.

אין „סאַוואָי" איז שוין טאָקי פערהאַן אַ קליינער טייל קריסטען, אָבער פאָרט קריסטען, מוז מען זיך פערהאַלטען אַ ביסעלע אָרטיגער (סיידען, אַז זיי ווילען די קריסטען אויך פון „סאַוואָי" פערטרייבען, אַזוי ווי זיי האבען עס געטהון ביי בלאַשטשינסקי'ן). דערווייל אבער האָט עס נישט צום ענין מען טאַנצט און מען געניסט פון דעם קליינעם פיטשינקען עולם-הזה.

חי געלעבט.

א יודישע צוקערניע.

איך מיין צו זאָגען אַנ'אַנשטענדיגע, ערשטקלאַסיגע צוקערניע מיט אַ הערליכען זאַל און עסטעטישע איינאָרדנונגען.

אין טשענסטאָכאָוו האָבען מיר א סך צוקערניעס, און צווישען אונז זאָל עס בלייבען, זענען די הויפט קאָנסומענטען יודען, טאָ זייט וויסען, אַז איהר האָט צו אייער דיספאָזיציע נאָך איין צוקערניע, וואָס איז אַ יודישע און איז ווערט זי זאָל בעזוכט ווערען.

די צוקערניע געפונט זיך אויף אַלעע וואַלנאַשטשי 3.5 און אַלע יונגע לייט דאַרפען דאָס נעמען אין אַכט.

זיי האָבען ערפאָלג...

אין דערזעלבער צייט, ווען אונזערע יונגלייט (קיין עין הרע זאָל נישט שולט זיין) פערברענגען די אָוועגדען אין די צוקערניעס און כאַפען אַ טענצעל, בעזוכען הונדערטער פאַמיליעס טאָג-טעגליך דעם לאָקאַל פון דער קהלה, וועלכע ווילען אַז מען זאָל זיי פערשרייבען אויף קויהלען און קאַרטאָפעל.

לעולם האָט די קהלה בעשלאָסען צו צוטיילען קויהלען מיט קאַרטאָפעל פאַר בכבודיגע יודען, פאַר די יעניגע, וועלכע שעהמען זיך נאָך אויסצושטרעקען די האַנד; דערפון זענען אָבער געוואויר געוואָרען די פראָפעסיאָנעלע שנאָרער און די קהלה ווערט טאָגטעגליך בעלאַגערט פון הונדערטער חברה לייט, וועלכע שרייען מיט קולי קולות: וואָס, אונז קומט נישט קיין קויהלען? מיר, וועלכע זענען ס'גאַנצע לעבען שנאָרערס, דאַרפען זיין די ערשטע צו געניסען פון די נדבות.

עס איז מיר א רחמנות אויף די דאָזאָרעס, וועלכע זענען ממונה על ה'סאָציאַלע שוץ, ווי אויך אויף אונזער חונטשע, וואָס קאָן זיך נעביך נישט קיין עצה געבען מיט דער חברה.

ווי עס זאָל נישט זיין, האָט זיך אונזער קהלה נישט צו בעקלאָגען, פרעקווענץ האָט זי און במילא קאָן זי זיך בעריהמען מיט איהר גרויסען ערפאָלג...

א הארבע שאלה...

ה' הערמאַן ש. האָט אַ שאלה צו פרעגען, וועלכע בעשטעהט אין פאָלגענדען:

צו מעג מען לייגען אום זונטאג תפילין?

היות ווי לויט דער לעצטער פעראָרדנונג וועט מען שטרענג בעשטראָפען די געוועלבער, וועלכע מען וועט כאַפען, אַז זיי זענען עובר אויפ'ן זונטאָג-רוהה, אַזוי, אַז קיינער וועט מעהר נישט וואָגען מחלל זונטאָג זיין, איז די פראַגע: צו דאַרף מען זונטאג לייגען תפילין?...

היות, ווי שבת און יום טוב לייגט מען נישט קיין תפילין, צו מעג מען לויט'ן דין זונטאג, ווען מען טאָר אויך נישט האַנדלען אָדער אַרבייטען, יאָ לייגען תפילין.

פערהאַנען אפילו אזעלכע יודען, וואָס האַנדלען אום שבת און לייגען אויך נישט קיין תפילין (שבת מיין איך...) נו לייגען זיי דערפאָר זונטאג תפילין. די יודען אָבער וואָס האַנדלען נישט אום שבת, ווי אויך נישט אין זונטאָג, צו מעגען זיי יאָ לייגען תפילין.

אַלע, וועלכע ווילען געבען אויף דעם תשובות, קאָן עס שיקען אויף דער אַדרעס פון רעדאַקציע, אָדער עוועגטועל צום ה' הערמאַן ש...

עס האָט זיך איהם נעבין נישט איינגעגעבען...

אויף אַלעע וואַלנאַשטשי 15 געפונט זיך א מנין, קומט יענע וואָך אריין אַ יוד, וועלכער שטעלט זיך פאַר, אַז ער הייסט אַלטמאַן, וואוינט אויף וואַרשאווער 23 און היות ווי זיין ווייב איז געוואָרען אַ קימפעטאָרין און היות, והיות ער איז אַנ'אָרימאַן, בעט ער, אַז מען זאָל רחמנות האָבען און איהם שאפען א פאָר זלאָטיס.

דער גבאי, זעהענדיג דאָס פערצווייפעלטע פנים פון בעל ברית, איז אָנגעפולט געוואָרען מיט רחמנות און געהייסען קומען צווישען מנחה וטעריב אין מנין אריין וועט מען שוין זעהען...

צו דער בעשטימטער צייט איז דער בעל ברית געקומען, נאָר ליידער האָבען זיי נאָך נישט געהאט פאר איהם די געהערינגע סומע און איהם געהייסען קומען צומאָרגענס..

האָבען 2 יודען, פאָרט רחמנים בני רחמנים, זיך געוואָנדען צו די איידעלע הערצער פון עטליכע יודען, וועלכע האָבען געגעבען אַ פאָר גראָשען, אַזוי אַז אין משך פון א פאָר שעה האָבע זיי געמאַכט א צעהן זלאָטעס מיט גראָשענס.

צומאָרגענס איז אָבער דער יוד נאָך דעם געלד נישט געקומען, האָט זיך דער גבאי מיט נאָך א דעלעגאַט פון שטיבעל זיך מטריח געווען און אַוועק אויף וואַרשאווער 23 אויסזוכען דעם בעטרעפענדען' האָבען זיי אויסגעזוכט דאָס גאַנצע הויז און האָבען טאַקע געפונען אַזאַ פאַמיליע, נאָר קיין קימפעטאָרין איז נישט געווען בנמצא. האָבען די דעלעגאַטען געטראַכט, כ'ווייס אפשר האָבען זיי פערהערט די אַדרעס, האָבען זיי געזוכט אויף וואַרשאַווער 21, נאָר אויך דאָרט איז צופעליג נישט געווען קיין איין קימפעטאָרין, אויך אין די שכנות'דיגע הייזער האָבען זיי אַזעלכעס נישט געפונען.

ערשט דאמאלס האָבען זיך די יודען געכאַפט, אַז מען האָט זיי אָבגענאַרט, ווייל דאָס יודעל האָט געטראַכט, אַז מען וועט איהם געבען דאָס געלד אין האַנד אַריין, האָט ער אויפגעגעבען אַ פאַלשען נאָמען מיט אַ פאַלשע אַדרעס, נאָר זעהענדיג, אַז עס האָט זיך איהם נישט איינגעגעבען, האָט ער עוקר געווען און האָט מטמא געמת נפש דערפאַר, וואָס די טראַנזאַקציע האָט זיך איהם נישט איינגעגעבען...

ס'איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער היינטיגער צייט, אויף וואָס פאַראַ איינפאַלען מענשען פאַלען, אַבי צו בעקומען א פאַר גילדען אין דער האַנד אריין. דאסמאָל אָבער האָט זיך איהם דאָס שטיקעל נישט איינגעגעבען...

לויתן.

א. י—ש.

שלום=עליכם.

(צו דער מיטוואכדיגער אקאדעמיע לכבוד זיין 50-יעהריגען ליטערארישען יובילעאום).

עס איז אינטערעסאנט און בעזונדערס כאראקטעריסטיש, וואס שלום עליכם דער גרויסער יודישער פאלקס-דיכטער און הומאריסט. דער אבלאכער פונ'ם יודישען לעבען האט נאך ביים לעבען זיך אנגעגרייט אג'אויפשריפט אויף זיין מצבה לויט אומגעפעהר דעם אינהאלט:

„דא ליגט א יוד, א פשוט'ער,
געשריבען יודיש דייטש פאר ווייבער
און פאר'ן פראסטען פאלק איז ער
געוועזן
א הומאריסט, א שרייבער.
פון דער גאנצער וועלט האט ער
אבגעלאכט
מיט אלעמען האט ער געשלאגען כפרות
און אליין איז ער נעביך געוועזן
אויך אויף גרויסע צרות".

אט די און נאך א פאר סטראפען האט שלום עליכם אנגעשריבען ביים לעבען, וואס זאל כאראקטעריזירען זיין פערזענליכקייט, זיין איך.

און ווען מיר פערטראכטען זיך איבער שלום עליכם'ס לעבען און שאפען נאכדעם ווי מיר האבען אדורכגעלייגט און איבערגעלעבט צוזאמען מיט זיינע העלדען, אלע זייערע פריידען און ליידען, קומען מיר צום בעשלוס, אז דאס געלעכטער און געוויין איז ביי איהם גלייכצייטיג איינגעזאפט און ריכטיג האט א יודישער זשורנאליסט בעמערקט, אז ווען דער גרויסער רוסישער שריפטשריפטשטעלער מאקסים גארקי, האט געלייענט איינע פון שלום-עליכם'ס הומארעסקעס האט ער געזאגט:

„איך האב געלייענט, געלאכט און געוויינט"...

שלום עליכם דער קינסטלער, דער הומאריסט, האט נישט בלויז אויסגעלערנט זיין פאלק לאכען, נאר ער האט אין זיינע שאפונגען פעראייביגט דעם יודישען וויץ און מיט זיין עכט שלום-עליכם'דיגען הומאר האט ער בעוויזען, אז צעהנדליגגער מויזעפדער מנחם מענדעל'ס, וועלכע האבען זיינע שילדערונגען געלייענט (און לייענען אפשר נאך היינט) האבען זיך נישט געקענט איינהאלטען פאר געלעכטער. איבער מנחם מענדלען אליין, וואס איז א טיפישער העלד פון קאסרילעווקע, וואס קומט אין דער גרויסער שטאדט, א צעמישטער און לויפט, האוועט און זיין קאפ איז פול מיט פערשידענע פאנטאסטישע פלענער און קאמבינאציעס. אט איז ער א מעקלער, היינט א בערזע שפעקולאנט, מארגען אנ'אגענט פון לעבענס פערזיכערונג און איבערמארגען א שדכן וואס פיהרט צונויף, צוויי בהורים אלס חתן-כלה.

און מען קען זאגען, אז דאס געלעכטער, די קאמישע פיגור פון מנהם מענדיל, וואס שלום עליכם האט אונז אזוי טריי געשילדערט, איז נישט געבליבען אהן סאציאלען רעזולטאט. אויב נישט די מנחם מענדיל'ס אליין, זענען שוין זייערע קינדער אוועק אויף נייע וועגען און אנגעהויבען בויען זייער לעבען אויף נייע בעסערע און געזונדערע יסודות.

דער צווייטער הויפט-טיפ ביי שלום עליכמ'ן, איז — טוביה דער מילכיגער, דער געגענזאץ צו מנחם מענדעלען. בשעת מנחם מענדעל איז א ווינד מיהל א אימפעט, ער פליהט ארום אין דער לופטען, איז גראד טוביה, א רוהיגער תמימות'דיגער שטענדיג מיט א פסוק פון תהלים א אבגעשטאנענער. קוקט מיט אנדערע אויגען אויפ'ן לעבען, און קען בשום אופן נישט משיג זיין די סאציאלע ענדערונגען וואס קומען פאר אין לעבען. צו וואס דארף מען עפעס א קאמף, אז אלעס איז דאך אזוי פשוט, נאטירליך?

מנחם מענדעל און טוביה דער מילכיגער זענען די צוויי הויפט-העלדען וואס פערנעמען דעם אויבענאן אין שלום עליכמ'ס שאפען. און ווען שלום קליכם פרובט אונז שילדערן די זוהן פון מנחם מענדעלען, קומען זיי שוין נישט ארויס אזוי העל און בולט.

און נישט בלויז אלס הומאריסט, קאריקאטוריסט, האט שלום עליכם זיך אזוי בעריהמט געמאכט ביי אלע קלאסען פון יודישען פאלק, נאר אויך אלס דיכטער ראמאניסט, וועלכער האט געשילדערט דאס יודישע לעבען פון אלע זיינע זייטען. עס איז גענוג צו דערמאנען אזעלכע גרעסערע ווערק ווי: „בלאנדשענדע שטערען", „דער בלוטיגער שפאס", „אין שטורם", „יאסעלע סאלאוויי" און זיין ערשטער ראמאן פון קלעזמער - לעבען, „סטעמפעניו", וואס איז געווארען אינסצעניזירט פאר דער ביהנע.

א בעזונדער ארט אין שלום עליכמ'ס שאפען, פערנעמען זיינע מעשות פאר קינדער, און עס וועט נישט זיין איבערגעטריבען צו בעטאנען, אז ביז איהם האט זיך קיין יודישער שריפטשטעלער אזוי פיעל נישט אבגעגעבען אויף דעם געביט איז נישט אריינגעדרינגען אזוי טיעף אין דעם יודישען קינד'ס נשמה און אזוי פריי געשילדערט מיט אזוי פיעל פאעזיע, ליעבע, ווארימקייט, ווי דאס האט געטהון שלום עליכם.

טרויעריג און פינסטער איז די וועלט פון דעם יודישען קינד. ווען ער איז אלט עטליכע יאהר און קען קוים שטעהן אויף די פיסלעך, פיהרט מען איהם אין חדר צום מלמד ר' ישראל דער מלאך-המות (מן הסתם איז דער צונאמען מלאך-המות נישט פון ליעבשאפט...) די קינדער - יאהרען פערברענגט ער אין דאפעלטע תפיסה, די שטוב איז איינע — דער חדר — די צווייטע.

דאס קינד ווערט מיט גשוואלד דערווייטערט פון לופט, זון און קינדערשפיעל, און זיין קינדהייט ווערט פערוואנדעלט אין א צו פריהען שווערען לעבענס-שטייגער.

עס זענען אבער פערהאן פרעהליכע גל קליכע מאמענטען פאר'ן יודישען קינד; און דאס זענען די ימים טובים. דאמאלס ווערט דאס יודישע יונגעל בעפרייט פון חדר און הויבט זיך אן צו פיהלען אלס א פריי, לעבעדיג קינד צוגלייך מיט אנדערע קינדער.

50 יאהר זייט שלום עליבם איז אריינגעטרעטען אין דער יודישער ליטעראטור, און 17 יאהר זייט ער איז טויט שאצט מען אב זיין ארבייט, און נאך א סך, סך יאהרען, וועט מען אבשאצען די גרויסע פערדינסטען פון שלום עליכמ'ן. דעם פאלקס-דיכטער און הומאריסט, פאר די יודישע ליטעראטור.

וועגען וואס עס דארפען וויסען אלע וואס ליידען אויף רעוומאטיזם!

ס'איז אלגעמיין בעקאנט, אז רעוומאטיזם, פאדאגרע און קרובה'שע קראנקהייטען זענען פאלגען פון אנזאמלען זיך פון אורין-זויער און ארגאניזם, פון דעם ענטשטעהן ווי נאדלען, קליינע קרישטאלכעס, וועלכע בעזעצען זיך אין פלייש אדער געלענקען ארויסרופענדיג זעהר אפט, ביי דער קלענסטער בעריהרונג, שרעקליכע וועהטאגען. אלזא אין אינטערעס פון ליידענדען איז ער זאל תיכף אנווענדען אזא מיטעל, וואס בעזייטיגט די אורין-זויערע פון ארגאניזם. דעריבער דארף דער קראנקער הערען אנ'עצה פון די געזונד געווארענע: „נעהמט איין „טאגאל"! אין אלע לענדער פון דער גאנצער וועלט ווערט מיט ערפאלג געברויכט דער דאזיגער מיטעל שוין העכער 15 יאהר געגען רעוומאטיזם, פאדאגרע און קרובה'שע קראנקהייטען.

אויף אזוי פיעל ליידענדע זענען געברויכענדיג טאגאל, געזונד געווארען, דארף דאך דעריבער יעדער מיט צוטרוי מיט דעם דאזיגען מיטעל זיך פערזעהען. טאגאל פערהיט פון אנזאמלען זיך פון אורין-זויערע און בעקעמפט גלייכצייטיג די קראנקהייט, איידער זי הויבט זיך נאך אן צו ענטוויקלען, טאגאל ברענגט א פערלייכטערונג אפילו ביי כראנישע קראנקהייטען. אויך ביי גריפע, פערקיהלונג' נערווען און קאפ וועהטאגען ווירקען די טאגאל טאבלעטקעס שנעל און זיכער, זיי זענען דערביי אונשעדליך פאר'ן הארץ, מאגען און אנדערע ארגאנען. פרובט איבערצייגט זיך אליין וועגען דער גוטער ווירקונג פון טאגאל טאבלעטקעס. צו בעקומען אין אלע אפטייקען.

דאס געזונד און לעבען קאן מען דערהאלטען פון דער קינדהייט אן ביז'ן טיעפען עלטער, ווען דער טעגליכער געטראנק פון יעדען הויז איז אוואמאלטין די אויסגעצייכענטע נאהרונג, וואס ענטהאלט אייער, מילך און קאקאא, ענטהאלט אין קאנצענטרירטער פארם אלע נאהרונגס-געגענשטענדען און וויטאמין, נויטיג פאר יעדען געזונד. אוואמאלטין מא.ט יעדען געטראנק פולווערטיג לייכט צום פערדייען, ווירקט גוט אויפ'ן נערווען-סיסטעם, שטארקט דעם ארגאניזם, זיכערענדיג איהם געזונד און ענערגיע—דערביי האבען די קינדער צוליעב זיין אנגענעהמען געשמאק אוואמאלטין מעהר ליעב ווי אנדערע געטראנקען.

OVOMALTINE

זיכערט דאס געזונד.

פרייז: א פושקע 125 גר. 2 זל.	
250 גר. 3.70 זל., 500 גר. 6.70 זל.	

Fabr. chemiczno-farmaceutyczna
Dr A WANDER, Sp. Akc.
Kraków.

צו בעקומען אין אלע אפטייקען און דראגעריעס—פרובען און בראשורען ווערען ארויסגעשיקט בחנם

קליינער פעליעטאן.

טשענסטאכאו אהן יודען......

איינמאל אינדערפריה, ווען איך האב זיך אויפגעכאפט און ארויס אין גאס האב איך בעמערקט, אז עס איז עפיס צו שטיל, דאס געוועהנליכע גערויש וואס איך פלעג שטענדיג הערען „פון די יודישע בייגעל- הענדלער, איז פערשטומט געווארען און איך האב קיינעם פון זיי נישט בעמערקט, אויך האב איך אויפ'ן גאנצען וועג ביז צו דער רעדאקציע נישט בעגעגענט קיין איין יוד, וואס ס'האט מיך שטארק געוואונדערט. ווי ערשטוינט בין איך אבער געווארען, ווען איך האב קיינעם אין רעדאקציע נישט געטראפען און אלץ איז געווען פערשלאסען און פערקלאפט מיט גרויסע צאליגע נעגעל.

איך בין ארויס אין דער אלעע — א בית-עולם, מען זעהט נישט קיין מענשען, קיין איין געוועלב איז נישט אפען; דאס זעלבע איז געווען אין נייעם מארק און אויך אין אלטען מארק און אויסגעדאכט האט זיך מיר, אז מיר לעבען מיט 200 יאהר צוריק, ווען טשענסטאכאוו איז נאך געווען א דארף און דער גאנצער שטח פון אלטען מארק ביז טשענסטאכובקע איז נאך פערוואקסען מיט גראז און בוימער.

בין איך אוועק אין דער יודישער קהלה זיך אינפארמירען, וואס אזוינס איז געשעהן. כ'ווייס, האב איך זיך געטראכט, אפשר איז אויף א זיצונג אנגענומען געווארען דער בעשלוס, אז טשענסטאכאוו מוז צוריק ווערען א דארף און די קהלה איז בטל געווארען און מען דארף זי אויפסנייי גרינדען, כדי דער טשענסטאפאווער היסטאריקער ה' משה אש זאל האבען מאטעריאל פאר זיינע ארבייטען ארום דער גרינדונג פון דער יודישעל קהלה. איהר שפיעלט זיך מיט קהלה בעשלוסען? נאר אויך דארט האב איך קיינעם נישט געטראפען. וואס דארפט איהר מעהר, אפילו חונטשע, וועלכער איז דער שטאלענער זייל פון דער קהלה, ווארום פרעזעסען קומען און פרעזעסען געהן, חונטשע אבער לעולם עומד—אויך ער איז נישט געווען, ער איז ווי אין וואסער אריין.

האב איך שפאצירט אויפ'ן טראטואר אין דער ערשטער אלעע און נישט געפונען קיין לעבעדיגען יוד, אפילו ריוועלע מיט די קרומע פיסלעך איז פערשוואונדען געווארען, איז מיר געווארען זעהר אומעטיג און איך האב בעשלאסען אריינצוגעהן צו בלאשטשינסקי'ן אין צוקערניע הערען אביסעל מוזיק און טרינקען א גלעזיל שווארצע קאווע, פאר דער טהיר אבער איז געשטאנען דער איינענטימער און דערזעהענדיג מיך, האט ער מיך אנגעכאפט ביי דער האגד און מיך פשוט געוואלט קושען. פאניע קאכאני—האט ער אויסגעשריגען—וואו זענט איהר, איזראעליטען אהינגעקומען? ווען ער האט געזעהן, אז איך ציה מיט די ארעמס, איז ער געווארען טרויריג. פאניע—האט ער ווייטער גערעדט מיט א וויינענדיגער שטימע און אנגעוויזען מיר אויף די אראבגעלאזטע זאלוזיעס פון דער צוקערניע—זינט זי יודען קומען נישט אריין צו מיר, בין איך דאך בדיל הדל געווארען און דער ווירט האט אפילו אויף מיר אנ'עקסמיסיע; איך שטעה דעריבער דא—ציהט ער ווייטער —און קוק ארויס, אפשר וועל איך בעגעגענען א יוד, וועלכער זאל מיר ערקלערען וואוהין די יודען זענען אוועק.

איך געה ווייטער און זעה, אז אויך דעם „סאוואי" האט געטראפען דער זעלבער גורל, ער איז פערקלאפט אויף זיעבען שלעסער און די בעלי - בתים האבען שוין לאנג באנקראטירט.

האב איך אזוי געוואנדערט איבער די גאסען פון טשענסטאכאוו און נישט בעגעגענט קיינעם פון מיינע גוטע פריינד. ענדליך, ווען עס איז צוגעפאלען די נאכט, בין איך אוועק אין פוילישען טעאטער. כ'האב מיר געוואלט די נערווען א ביסעל צושטרייען, נאר אויך פון פוילישען טעאטער איז נישט געווען קיין זכר, איך האב נאר געטראפען דעם וואזשני, וועלכער וואוינט דארט. דער זאל איז שוין לאנג געווען פערדינגען אויף א קרעטשמע. דער וואזשנע האט מיר דערצעהלט, אז זיי האבען די לעצטע וואכען געשפילט ביי לעדיגע הייזער, אזוי, אז די ארטיסטען האבען כסדר געהונגערט, האט דער דירעקטאר גאל בעשלאסען אוועקצופאהרען מיט זיין טרופע אין אנ'אנדערע שטאדט, וואו ס'וואוינען יודען, ווייל, ווי איהר ווייסט, זענען די טעאטער - בעזוכער בעשטאנען פון 80 פראצענט יודען און אזוי ווי יודען זענען מעהר נישטא האט די טרופע נישט געהאט וואס צו טהון. איך— זאגט ער ווייטער—בין איבערגעבליבען אלס שומר, אז טאמער וועלען זיך יודען ווידער בעזעצען אין טשענסטאכאוו, זאל איך איהם צוזוסען טהון, וועט ער מיט זיין טרופע צוריקקומען.

פון טעאטער בין איך אוועק אהיים, נאר קומענדיג פאר'ן מאגיסטראט זעה איך א גרויסע ארבייטסלאזע-דעמאנסט־אציע, וועלכע שרייט און ליארעמט, אז מען זאל זיי געבען ארבייט, ווארום די „מעטאלורגיע", „ווארטא", „לעוולען", פאפירניע און נאך צעהנדלינגער פאבריקען זענען צוליעב דעם, וואס זייערע בעלי-בתים זענען אבגעפאהרען, פערמאכט און זיי, די ארבייטער, זענען געבליבען אהן בעשעפטיגונג.

איך בין אויך געווא יר געווארען, אז דער טאנץ מייסטער קאסטעצקי האט זיך אוועקגעצויגען פון טשענסטאכאוו, ווייל ער האט נישט מעהר קיין געסט.

אויך דער „גאניעץ" האט פערקלענערט זיין אויפלאגע צוליעב דער קליינער צאהל אנאנסען, וואס ער האט אין צוזאמענהאנג מיט דער יודען ריינקייט; די „סלאווא טשענסטאכאווסקיע" איז צוליעב דער קליינער פרעקווענץ געווארען א וואכענבלאט, „אסטאטניע וויאדאמאשטשי" האט שוין לאנג אויפגעהערט צו ערשיינען און אפילו די „גאזעטא נאראדאווא" האט שוין לאנג אויפגעהערם צו עקזיסטירען, ווייל זי האט נישט געהאט קיין טעמען צו שרייבען.

אויך אין „אוזשאנד סקארבאווי" האט מען אבגעשאפט 80 פראצענט אנגעשטעלטע, ווייל עס איז נישט געווען קיין ארבייט פאר זיי און די 20 פראצ. בעאמטע זיצען אויך א גאנצען טאג און געניצען און האבען מורא, אז מען וועט דעם „אוזשאנד" צוליעב דעם, וואס עס זענען נישטא קיין שטייערצאהלער, איינגאנצען פערמאכען.

האב איך זיך ווייטער ארומגעדרעהט איבער דער שטאדט טשענסטאכאוו און מיר האט זיך אויסגעדאכט, אז איך לעב אויף א בית-הקברות, וואו אלץ איז שטיל, טויט, עס ערשיינען נישט קיין צייטונגען, עס זענען נישט אפען קיין צוקערניעס, עס שפילען נושט קיין טעאטערען און ווען עס קומט אויף דער נאכט איז אלץ איינגעהילט אין א טיעפער שטילקייט.

וואס טהו איך דא, האב איך זיך געפרעגט, וואס האב איך איבערהויפט צו טהון, אויב ס'זענען נישטא קיין יודען? פאר וועמען וועל איך שרייבען און פון וואס וועל איך האבען צו שרייבען? אז קיין קהלה איז נישטא, וועל איך דאך נישט קאנען שרייבען וועגען די מחלוקות, אז קיין שטיבלעך אזן מנינים זענען אויך נישטא, וועט דאך נישט זיין זיך צו שלאגען איבער גבאות און עליות, כ'וועל דאך אפילו נישט קאנען שרייבען וועגען די מסירות, וואס יודען אדער יודישע צוקערניקעס טהוען אב איינער דעם אנדערען...

האב איך אויך געוואלט ענטלויפען פון שטאדט, ביי דער ווארשאווער ראגאטקע אבער האט מיך אבגעשטעלט אנ'אונבעקאנט געשטאלט מיט א לאנגער גרויער בארד און מיר געזאגט: ענטלויף נישט, דו ביזט בעשטימט געווארען דא צו בלייבען, כדי דו זאלסט בעשרייבען, ווי אזוי עס וועט אויסזעהן טשענסטאכאוו אהן יודען.

איך וויל נישט בלייבען דא, האב איך געשריגען, אהן יודען קאן איך נישט לעבען, כ'וויל נישט!!!

וואס שרייסטו — וועקט מיך מיין פרוי — וואס איז געשעהן?

איך האב געעפענט די אויגען און געזעהן, אז איך ליג אין בעט בעגאסען מיט שווייס און אז דער גאנצער פעליעטאן, וואס איך האב דא פאר אייך אנגעשריבען, איז נישט מעהר ווי א חלום, וואס איך האב געזעהן, ווי אזוי אונזער שטאדט טשענסטאכאוו וואלט אויסגעזעהן אהן יודען...

ווען כ'בין דערנאך געקומען צו זיך, האב איך נאכגעטראכט, וואס אייגענטליך האט געקאנט זיין די אורזאך פון אזא שרעקליכען חלום. נאר באלד האב איך בעמערקט א פוילישע צייטונג ליגען אויפ'ן נאכט-טישעל און האב פערשטאנען, אז דער „חלום" איז געווען א פראדוקט פון די „פילאסעמיטישע און יודען - פריינדליכע" ארטיקלען, וואס מען געפינט אין די היעגע פוילישע צייטונגען „גאזעטא נאראדאווא", „גאניעץ" און אפילו „דזשיש אי יוטרא" וועגען דער „יודען-רייניגונג"...

סמאל

פערזענליכעס.

פרל. ליבא וועקסלער, א טאכטער פון היגען בעקאנטען כלל-טהוער און פרעזעס פון קהלה ראט ה' חיים וועקסלער, האט געענדיגט דעם מעדיצינישען פאקולטעט פון ווארשאווער אוניווערזיטעט און לעצטען מיטוואך בעלייגט די דאקטוירים-שבועה.

פרל. ד"ר מעד. וועקסלער איז אנ'אבסאלווענטין פון היגען יודישען געזעלשאפטליכען גימנאזיום.

Dr. H. FALK

צוריקגעקעהרט

האלז, נאז-און אויערן-קראנקהייטען

II ALEJA 37

tel. 16-15

נעמט-אן פון 9—11 און 5—7.

די יעצטיגע לאגע אין ציוניזם און אין ארץ ישראל, און וואו איז דער אויסוועג?

אויף די דאזיגע טעמא האט פערגאנגענעם זונטאג ביי אונז אין שטאדט, אין זאל פון „ביתר", געהאלטען א רעפעראט דער בעקאנטער פערטיידיגער פון סטאווסקי-פראצעס אין ארץ-ישראל, אדוואקאט באך.

דער רעפערענט האט ברייט ארומגערעדט די פאליטישע לאגע אין ארץ ישראל און געגעבען א גענויע אפשאצונג פון דער איצטיגער שווערע לאגע פון' יודישען ישוב אין ארץ ישראל און פון די גורמים, וואס האבען צוגעפיהרט דערצו. ער בעשולדיגט אפען די איצטיגע ציוניסטישע עקזעקוטיווע און פחדנות'דיגער פאליטיק. והראיה, אז נישט קוקענדיג דערויף, וואס די ארץ ישראל אדמיניסטראציע האלט אין איין ארויסגעבען גזירות, פונדעסטוועגען געפונט נישט די עקזעקוטיווע פאר גויטיג צונויפצורופען דעם אקציאנס-קאמיטעט.

דער רעדנער שטעלט זיך אויך אב אויף דעם סטאווסקי-פראצעס, וואס איז לויט זיין מיינונג א העסליכער בלבול אויף אונשולדיגע יונגע-לייט. נישט לאנג וועט דויערען — רופט אויס דער רעדנער — און די, וועלכע בעשולדיגען איצט, וועלען אליין זיצען אויף דער בעשולדיגונגס-באנק.

צום סוף רופט דער רעדנער דעם פערזאמעלטען עולם, ווי אויך אלע יודען, אז זיי זאלען זיך אקטיוו בעטייליגען אין דער פעטיציע-אקציע, וועלכע הויבט זיך איצט אן אין דער גאנצער וועלט, כדי צו דעמאנסטרירען דעם איינהייטליכען פעסטען כח פון גאנצען יודישען פאלק פאר זייער רעכט אויף ארץ ישראל.

מיט'ן געזאנג פון „התקוה" און „כשיב ד'" און אויסרופען פאר'ן פיהרער זשאבאטינסקי און פאר'ן מלכות-ישראל, ווערט דער רעפעראט פערענדיגט.

די שעהן געבויטע רעדע האט אויף דעם גרויסען עולם געמאכט א שטארקען איינדרוק.

אין אווענד איז אין דער פריוואטער וואוינונג פון ה' ש. ניעמיראווסקי פארגעקומען א גלעזיל טעה, איינגעארדענט לכבוד דעם חשוב'ן גאסט, אין וועלכען עס האבען אנטייל גענומען א גרעסערע גרופע ציוניסטישע טהוער.

פון בית"ר.

פויריגען פרייטאג צו-נאכטס איז פארגעקומען א „לעבעדיגע צייטונג", פון די ארטיקלען, וואס זענען ערשיגען אין דער וואנד-צייטונג „קדמיה", וואס ווערט ארויסגעגעבען דורך דעם אח אבא פעלץ. עס איז געווען זעהר אנ'אינטערעסאנטער אווענד, וואס איז געשטאנען אויף א הויכען קולטורעלען ניוואָ.

ביים היגען קן איז לעצטענס איינגעארדענט געווארען א לעזע-זאל, וואו עס געפונען זיך אלע יודישע און העברעאישע צייטונגען ווי אויך א"י צייטונגען. דער לעזע-זאל איז טעטיג פון 7 ביז 10 אווענד יעדען טאג.

תנועת תורה ועבודה.

שבת-צו-נאכטס פ' ווארא 8 א זייגער פונקטליך קומט פאר א קעסטעל-אווענד. אלע חברים ווערען אויפגעפאדערט צו קומען פונקטליך.

גראנדיעזע שלום-עליכם-אקאדעמיע אין קאמעראל-טעאטער.

ווי מיר האבען שוין מיטגעטיילט איז אין אונזער שטאדט געשאפען געווארען א ספעציעלער קאמיטעט אונטער'ן פארזיץ פון פרעזעס ה' יעקב ראזענבערג, צו פייערן דעם 50-יעהריגען יובל פון שלום עליכם'ס ליטעראַרישער טעטיגקייט.

דער דאזיגער יובילעאום וועט אין טשענסטאכאוו געפייערט ווערען דורך א גראנדיעזע אקאדעמיע, וועלכע וועט פארקומען מיטוואך, דעם 17 ד.ח. האלב 9 אווענד אין קאמעראל-טעאטער.

דער קאמיטעט האט זיך בעמיהט, אז די דאזיגע אקאדעמיע זאל אויספאלען וואס אימפאזאנטער און אויסגעארבייט א זעהר רייכען פראגראם. ס'וועט ארויסטרעטען מיט א רעפעראט דער בעקאנטער ליטעראטור - קריטיקער ה' לעא פינקעלשטיין פון ווארשא א.ד.ט. „שלום עליכם'ס הומאר און די יעצטיגע יודישע ווירקליכקייט". דער אמאטארען-קרייז אונטער דער רעזשי פון ה' ש. פראנק וועט אויספיהרען שלום עליכם'ס איינאקטער'ס „נאר א דאקטאר", „אגענטען" ווי אויך עטליכע מאנאלאגען. ס'וועט אויפטרעטען דער בירנבוים-כאר אונטער דער לייטונג פון דיר. ה' ראטענבערג און דער בעקאנטער קינסטלער פראפ. ווילענבערג וועט אויסשטעלען „לעבעדיגע בילדער".

די טשענסטאכאווער יודישע בעפעלקערונג ווייסט ווי אפצושאצען די ליטעראַרישע טעטיגקייט פון גאון פון יודישען געלעכטער — שלום עליכם און די דאזיגע אקאדעמיע וועט זיכער געקרוינט ווערען מיט'ן בעסטען ערפאלג.

געעפענט זיך א קורס פון צושניידען, נייהען און מאדעלירען.

אין אונזער שטאדט האט זיך געעפענט א קורס פאר צושניידען, נייהען און מאדעלירען, וועלכער איז אנ'אבטיילונג פון פראפ. לעוואנסקי'ס בעקאנטער צושניידער-שולע אין ווארשא. אויף די קורסען וועט יעדער האבען די מעגליכקייט אין משך פון 3 חדשים זיך אויסצולערנען פאר אנ'אבצאהל פון 5 זל. וועכענטליך ערשטקלאסיג צוצושניידען, נייהען און מאדעלירען פרויען-און קינדער-קליידער, וועש א. ד. גל. לויט דעם נייעסטען סיסטעם מיט דער הילף פון פאטענטירטען עקספרעס-פאטענט, וועלכער ווערט בענוצט אין דער פא־ייזער צושניידער אקאדעמיע. נאכ'ן פערענדיגען די לעהרע בעקומט מען א צייגניש, עווענטועל אנ'אינסטרוקטארען-דיפלאם מיט רעכט צו לערנען.

איינשרייבונגען ווערען אנגענומען אין דער 2 טער אלעע 35, אפיצינע פון 9 פריה ביז 8 אווענד.

די נייע פערוואלטונג פון י.ט.ס.פ. „מכבי".

אויף דער אלגעמיינער פערזאמלונג פון י.ט.ס.פ. „מכבי" פון 29 גרודזיען פ. י. איז געוועהלט געווארען א נייע פערוואלטונג, וועלכע האט זיך קאנסטיטואירט אויף פאלגענדען אופן:

פרעזעס — אינזש. טש. רייצאם, וויצע - פרעזעסען — אדוו. ל. אש און אדוו. ד. מארקאוויטש, סעקרעטאר — ה. שאיא, קאסירער — ש. בארענשטיין, פערוואלטער איבער די לאקאלען — נ. טייכנער, פערוואלטער איבער'ן איגווענטאר — ה. גאלדשטיין, פארזיצענדער פון דער מעדיצינישער קאמיסיע — ד"ר ל. גאלדמאן, פארזיצענדער פון דער דיסציפלינארער קאמיסיע — אפל. אדוו. ראזענשטיין. אויסער די אויבען-דערמאנטע געהען אין די פערוואלטונג אריין אויך די ה"ה אינזש. ש. קיסין, אינזש. י. גאלדמאן, ח. בירענהאלץ און ה. זיידמאן.

די אלגעמיינע אויפזיכט איבער דער טעטיגקייט פון פעראיין איז פערטיילט געווארען צווישען פרעזעס און וויצע-פרעזעסען פאלגענד: אינזש. רייצאם — פינאנסיעלע און ארגאניזאציאנעלע ענינים, אדוו. אש — סעקרעטאריאט, פרעסע און פראפאגאנדע-רעפעראט, כפר המכבי, אדוו. מארקאוויטש — ספארט-ענינים.

פון „החלוץ המדינתי".

זונטאג, דעם 14 ד. ח. 8 אווענד קומט פאר א שיחת-חברים איבער אקטועלע פאליטישע פאסירונגען.

מיטוואך, דעם 14 ד. ח. 8-30 אוו. קומט פאר די ווייטערדיגע לעקציע פון דער יודישער געשיכטע. אלע חברים און חברות ווערען אויפגעפאדערט צו קומען פונקטליך.

נייע פערוואלטונג פון בירנבוים-כאר

אויף דער אלגעמיינער פערזאמלונג פון בירנבוים-כאר, וועלכע איז לעצטענס פארגעקומען האט זיך די נייע פערוואלטונג קאנסטיטואירט פאלגענד: פרעזעס — ה' י. ראזענבערג, וויצע-פרעזעס — ה' ז. גרינבוים, סעקרעטאריאט — ה"ה ש. וואגא און קראמאלאווסקי, קאסירער און גאספאדאזש — ה' זאנדשטיין.

פון דער יודענשטאטס-פארטיי.

מיר מעלדען אלע חברים פון דער יודענשטאטס-פארטיי, החלוץ-המדינתי, ברית-הקנאים, דאס מיר זענען איבערגעגאנגען אין אייגענעם לאקאל, וועלכער געפונט זיך אויף פילסודסקי 21.

היינט פרייטאג 7-30 אווענד קומט פאר א פערזאמלונג פון אלע חברים, אויף וועלכער עס וועלען בעהאנדעלט ווערען זעהר וויכטיגע פראגען. די פערזאמלונג קומט פאר אין אייגענעם לאקאל, פילסודסקי 21.

ביי די מאגאזינען-שניידער.

מאנטאג, ד. 8. ד. ח. איז פארגעקומען אנ'אלגעמיינע פערזאמלונג, וואו עס איז אויסגעוועהלט געווארען א פערוואלטונג פון פאלגענדע חברים: סידיצקי, זיידמאן, וואלפאוויטש, קאנטאר, זעלצער, ווישליצקי, פיעפס, זיידמאן ר., פאסלאניעץ. צוליעב דער קריטישער לאגע'אין וועלכער עס געפונט זיך דער מאגאזין-שניידער, איז די פערוואלטונג צוגעטרעטען צו א נארמאלע און גרונדליכע ארבייט, בכדי אויסצובעסערען די לאגע אין פאך. דעריבער דארף יעדער מיטגליד זיך בעמיהען און מיטהעלפען צו פערפולקאמען די אנגעהויבענע פראיעקטירטע ארבייט פון דער פערוואלטונג.

Kino „EDEN"

היינט און ווייטערע טעג

איוואן מאזשוכין און טאניא פעדאר

אין דעם פרעכטיגען עגזאטישען פון לאנג ערווארטעטען פילם

TYSIĄC i DRUGA NOC

Kino „LUNA" dawniej „GRAND"

דער גרעסטער פוילישער פילם

Prokurator Alicja Horn

אין דער הויפט-ראל:

יאדוויגא סמאסארסקא

האלאמא, מירסקא, סאמבארסקי א.א.

אויסער'ן פראגראם: פאק'ס לעבעדיגע צייטונג.

„ATLANTIC"

אגראדאווא 14.

גלייכצייטיג מיט ווארשא!

ערשטערענדע טראגעדיע

ULICA

רעזשי קינג - ווידאר

מיט דער אונפערגלייכבארער יודישער ארטיסטקע סילוויא סידנעי א. א.

אויסער'ן פראגראם: בעטי בופ אין פילם

Betty wynalazczynią

STYLOWY

אלעע 29.

דער נייעסטער וועלט - שלאגער לויט סודערמאנ'ס ראמאן

Pieśń nad Pieśniami

אין דער הויפט-ראל

מארלענא דיעטריך.

אויסער'ן פראגראם: „פאראמונט-וואך".

שבת, דעם 20 יאנואר 4 נאכמיטאג אין ערשטען טערמין און 6 אווענד אין צווייטען טערמין וועט אין לאקאל פון „טאז" בערקא יאסעלעוויטשא נר. 3 פארקומען

די יעהרליכע

מיטגלידער=פערזאמלונג

מיט פאלגענדען סדר - היום: 1) ערעפנונג, 2) וואהל פון א פארזיצענדען, 3) בעריכט פאר'ן בודזשעט-יאהר 1932—33. 4) פרעלימינאר אויפ'ן בודזשעט-יאהר 1933—4. 5) וואהל פון 5 פערוואלטונגס - מיטגלידער און פערטרעטער אויפ'ן ארט פון די אבטרעטענדע. 6) וואהל פון 3 מיטגלידער פון דער רעוויזיאנס-קאמיסיע און פערטרעטער. 7) פרייע פארשלאגען.

די ביליגסטע און רעעלסטע קוועלע פון מאנופאקטור-סחורות

איז נאר אין דעם מאנופאקטור-געשעפט פון

מ. דיקערמאן,

וואס איז איבערגעטראגען געווארען אויף

ב. יאסעלעוויטשא 12, טעל. 12-18,

וואו עס איז צו בעקומען אין א גרויסען אויסוואהל

מאנופאקטור-סחורות, ווי ווייס-ווארען, וואל, זייד אויך אויסשטייערס א. ז. וו.

אויב איהר ווילט באמת זיין צופרידען פון אייער מאנופאקטור-איינקויף, טא בעזוכט דאס געשעפט פון

מ. דיקערמאן, ב. יאסעלעוויטשא 12, טעל. 12-18

ZOSTAŁA OTWARTA

przy ul. **Kilińskiego № 5,** lewa oficyna, parter

Czytelnia „PALATYN"

zaopatrzona w ostatnie nowości beletrystyczne. Wielki wybór książek po kilka egzemplarzy każdego dzieła.

Prenumerata miesięczna **1 zł. bez kaucji.**

בעקאנטמאכונג

פון 1 סטיטשען ווערט געעפענט אויף אל. וואלנאשטשי 3-5

אנ'ערשטקלאסיגע צוקערניע,

איינגעארדענט לויט אלע כללים פון היגיענע און טעכניק,

וואו ס'וועט זיין צו בעקומען: פריהשטיק, אווענד-ברויט, פליישיגע קאלאציעס צו זעהר ביליגע פרייזען. — שנעלע און סאלידע בעהאנדלונג.

אינה. ס. אלטמאן, אלעע וואלנאשטשי 3-5, טעלעפ. 15-16

Najłatwiejsza, najtańsza i najdokładniejsza rekl. nauka

pierwszorzędnego nowoczesnego kroju, szycia i modelowania

pod dyrekcją prof. kroju, mian. dyr. paryskiej akademji, K. Lewańskiego z Warszawy

daje każdej Pani możność nauczenia się w 3 miesiącach za spłatą 5 zł. tygodniowo pierwszorzędnego kroju, szycia i modelowania ubrań damskich, dziecięcych, bielizny i t p. nowoczesnym opatentowanym systemem, stosowanym przy wykładach w akademji kroju w Paryżu.

Po ukończeniu świadectwo wzgl. dyplom instruktorski z prawem nauczania

Zapisy przyjmuje codziennie od godz. 9-ej do 20-ej

Częstochowa, II-ga Aleja Nr. 35 (oficyna).

URODONAL

Zwalcza reumatyzm podagrę piasek skleroze

czyści nerki oczyszcza wątrobę i stawy łagodzi arterje i zwalcza otyłość

Do nabycia we wszystkich aptekach i skł. apt.

Przedstawicielstwo **Warszawa, Fredry 4.**

פון „נורדיה".

די פערוואלטונג פון רעוויזיאניסטישען ספארט-קלוב „נורדיה" האט זיך קאנסטיטואירט אויף פאלגענדען אופן: פרעזעס — פראפ. קראקאוויאק, וו.-פרעזעס — פלאטט, סעקרעטאר — נאכטיגאל. פערוואלטונגס-מיטגלידער: יאקובאוויטש, שטאיער, ערליך, זלאטניק.

פויריגען זונטאג האט די „נורדיה" געשפילט א פינג-פאנג-מעטש אין סאסנאוויץ מיט'ן דארטיגען „מכבי". דער רעזולטאט איז 5—6 לטובת „נורדיה".

עס ווערען אנגענומען איינשרייבונגען פון פרישע מיטגלידער יעדען טאג 8 ביז 10 אווענד.

נדבות אין רעדאקציע.

קאנוועניץ פון שפילצייג 5 זל. פאר'ן בית-לחם.

פון דער רעוויזיאניסטישער בעוועגונג.

דער ברית הצה"ר טהוט צו וויסען אלע פריינד, וועלכע האבען זיך אין משך פון דער לעצטער צייט געוואנדען וועגען מיטארבייט אין דער פעטיציעאקציע, אז די אקציע וועט זיך ערשט אנהויבען אין צוויי חדשים ארום צוליעב גרויסע צוגרייטונגען, וועלכע זענען נויטיג דערצו.

פויריגע וואך האט אין ווילנא אנגעהויבען ערשיינען א טעגליכע רעוויזיאניסטישע צייטונג א. נ. „פרימארגען". די צייטונג קאן מען בעקומען יעדען טאג ביים ח' ערליך.

די היגע איניציאטיוו-גרופע פון ברית „ישורון" מאכט צוגרייטונגען אראבצוברענגען אויף א רעפעראט דעם ד"ר הרב טריסטמאן פון ווארשא.

Redaktor i wydawca: B. Bocian

Druk. B. Bocian, Aleja 6